## פריינט פון יידיש לשון

מיר ווענדן זיך צו אייך מיט אַ וויכטיקע וואָרנונג און בעטן צו באַציען זיך צו איר מיט דעם גאַנצן ערנסט, וואָס זי פאַרדינט.

דער זשורנאַל „לשון און לעבן" ווערט אַרויסגעגעבן דורך אַ קאָלעקטיווע אָנשטרענגונג פון פריינט און ליבהאָבער פונם יידישן וואָרט, און דערשיינט רעגלמעסיק יעדן חודש שוין פאַר יאָרן. דאָס באַווייזט, אַז דער זשורנאַל האָט זיין וויכטיקן און פאַראַנטוואָרטלעכן פּלאַץ אינם היגן יידישן לעבן, וועלכער איז געוואָרן אַ נויטווענדיקייט פאַר הונדערטער יידישע לייענער.

אויב מיר מאַכן נישט קיין טעות אין דער דאָזיקער אָפּשאַצונג, דאַן האָבן מיר דאָס רעכט צו דערוואַרטן, אַז אונזערע לייענער זאָלן דערפילן זייער חוב און אונטערשטיצן די אַלע אונטערנעמונגען, וועלכע דער „פאַראיין פון יידיש לשון" אַראַנזשירט פון צייט צו צייט, מיט דעם צוועק, אַז דער זשורנאַל זאָל קענען דערשיינען.

דער מאַטעריעלער מצב פון „לשון און לעבן" איז אַזעלכער, אַז מיר מוזן זיך ווענדן, ראשית, צו אַלע אונזערע אַבאָנענטן, אַז די אָפּצאָלונגען זאָלן פּינקטלעך דערליידיקט ווערן, ווען זיי דערהאַלטן די מאָנונגען. עס וואָלט די לאַגע פיל גרינגער געמאַכט. שנית, אונז שטיצן פינאַנציעל, דאָס וואָלט געשטאַרקט דעם מוט און ווילן פאַר אַ פאַרגרעסערטער קולטור טעטיקייט.

מיר אַפּעלירן צו אונזערע פריינט און לייענער מיט דעם גרעסטן ערנסט: העלפט און פאַרגרינגערט אונזער פינאַנציעלע לאַגע, כדי מיר זאָלן קענען ווייטער אַרויסגעבן דעם זשורנאַל.

מיר דערוואַרטן, אַז אַלע לייענער פונם זשורנאַל און ליבהאָבער פון דער יידישער ליטעראַטור וועלן טון זייער פליכט בנוגע צו אונזער אַרבעט, און דערמיט צייגן זייער צוגעבונדנקייט צום יידישן וואָרט און קולטור.

**י. ביעטש**, (וויצע פרעזידענט פון „פריינט פון יידיש לשון")

## א באַגריסונג צום 150־טן נומער „לשון און לעבן"

איך לייען מיט אַ גרויסן אינטערעס אייער חודש־זשורנאַל „לשון און לעבן", וועלכן איך באַקום רעגלמעסיק פון אייך.

ס'איז צו באַוואונדערן אייער ענערגיע און איבערגעבנקייט ביי דער דאָזיקער וויכטיקער אַרבעט לטובת דער יידישער ליטעראַטור.

איך באַגריס אייך צום דערשיינען פון 150־טן נומער און ווינטש אייך אַ ווייטערדיקן דערפאָלג.

מיט פריינטלעכע גרוסן,

**יעקב צינעמאַן** (פּאַריז).

לייענט אונזער זשורנאַל, פאַרשפּרייט אים, קומט צו אונזערע יידיש־ליטעראַרישע שבת נאָכמיטאָגס און צו די וואָרט־קאָנצערטן. שטיצט אונזער קולטור־טעטיקייט.

# לשון און לעבן


חודש-זשורנאַל פאַר ליטעראַטור, טעאַטער, קונסט און קולטור

נומער 10 (העפט 153) דרייצנטער יאָרגאַנג אָקטאָבער 1952 לאָנדאָן


## זיין עקסעלענץ די פּראַקטישע „פּערנונפט"

1. ממחרת יום כפורים

אַז גענעראַל־סעקרעטאַרן „אָרגאַניזער"־דירעקטאָרן, „האָנאָרערי אַפּי־שלס" פירן אָן די גרענדע, ווערט דאָס גייסטיקע פּאַרוואָרלאָזט און נכנע, דער שעפערישער כוח אָפּגעטעמפּט און אימפּאָטענט; דער פאַרקויפטער פּראָפּאַגאַנדיסט פאַרטומלט און פאַרטשאַדעט דעם תלמיד־חכם־מוח, דער פּראַקטיש־טיכטיקער פּרעדיקער פאַרנודיעט דאָס שעפערישע האַרץ — — פון תורה, פון לערנען ווערט פאַך־בילדונג פון געהייליקטע פאַרטיפטע רעליגיע — קולט און „מעמבערשיפּ", פון הויכע קונסט — נידריקסטער שונד.

וועגן טיפער גייסטלעכקייט און ערנסטע קולטור איז דאָך בכלל נישט מער צו ריידן! אַז מען קוקט אָן אַזאַ מאַסן־המון אויפגעצויגן שוין אויף אַזעלכע „עדיוקיישאָן"־קאָמיסיעס און אָנגעפירט פון אַזעלכע מנהיגים־אָרגאַניזערס", וואָס באַווייזט זיך נאָך איינמאָל אין יאָר אין דער סינאַגאָגע, הייבט מען שוין באמת אָן צו גלויבן, אַז מיר זיינען אַ קולטורלאָזן פאָלק, אפשר טאַקע אַ נידריקע ראַסע (וואָס ווייסט דאָס פון אַ רבי מאיר, פון בעל נס, פון תרבות, צי פון קול־טור, טאָ זאָל עס כאַטש אַריינוואַרפן אין דער פּושקע, שנדרן, אַפּילן...).

אָ, און אונזער שעפערישקייט מישטיינסגעזאָגט! מען איז נאָך מעלה־גירה עפּעס פון דעם, וואָס ס'איז נאָך געבליבן שטעקן אין פאַרדאַרבענעם מאָגן פון אונזער כשרן בעל־הביתישן אַמאָל . . . מען כאַפּט אויף אַראָפּגעפאַלענע טריפה־ברויזעלעך פון אונטער פרעמדע טישן.

און די, וואָס ווילן ווייטער נאָגן דעם געבליבענעם „גרוגרת דרבי צדוק" אונזערן, אַ באַשפּיגענעם, אַ פאַרוואַלגערטן אין מיסט, נאַטשן דעם קליי פון זייער געביין, ביז זיי גייען אויס אין יסורים של אהבה, פון קיינעם נישט געזען און נישט געהערט — די צייט איז צו פּראַקטיש־צעטומלט, מען זאָל עס ווערן און זען צומאָל . . .

נאָר אפילו די גייסטלעכקייט אונזערע, — וואָס כאַפּט אַרום איצט דעם רוב פון אונזער פאָלק: „די שוואַרצע מאַסע", „די היפּאָקריטן", די בורזשואַ און סאָצי־אַסימילאַציע, אפילו די אַרויפגעאַרבעטע, וואָס האָבן ערשט נישט לאַנג נאָך געפּראַוועט יום כפור בעלער — אָנגעפירט פון אויסגעפּרוווטע פּראַקטי־קאַנטן אין פּראַקטישקייט און פאַרנונפט, וואָס פאַרשטעלן, ווי די בייכיק־קרי־כערישע אָסיען־וואָלקנס די זון, אונזער גייסטיק־ערדישע שעפערישקייט און די רעליגיעז־מיסטישע הימלישקייט; אפילו זיי די אויסגעפּרוווט־טיכטיקע פּראַק־טיקאַנטן אין זייערע פּרעכטיקע בגדי כהונה טענדעווערענדעס, זיי די גלעקל־צעקלינגטע כלי־קודש, וואָס מען פלעגט זיי קומען „אָנקוקן" אויף בילעטן, הייבן

שוין אויך אָן צו פֿאַרלירן זייער גלאַנץ, זייער פּערפֿאָרמירט־רעפֿאָרמישע אינדיווידועלקייט — זייער צערעמאָניאַל־געקינצלטן שלא לשמה!

אַז אונזערע אינערלעך־פּאַרטיפּטע לעבעדיגע קוואַלן זיינען פֿאַרשיט געוואָרן, די גייסטיקע, ווי די גייסטלעכע ברונעמער פֿאַרשטאָפּט, ווערן די פֿלאַכע ריטשקעלעך, וואָס פֿליסן נאָך, ממילא מוטנע, ליימיק און שליימיק פֿאַרעפּושט—

און עס איז שוין אפשר אַ נס, — פֿון יענע בין־השמשות נסים, וואָס געשען ווען עס ווערט פֿינסטער! — וואָס דער גאָטעס־דינסט גייט שוין אין דינסט פֿון נאַציאָנאַלן סערוויס! — און אין אַ מלוכישע היעראַרכיע זעען גענעראַל־סעקרעטאַרן, „אַפּישלס“ זייער עקזיסטענץ אַ מער געזיכערטע,—און דורך דעם נאַציאָנאַלן מאָמענט וועט זיך אפשר דאָך אַדורכרייסן דאָס עכט מענטשלעכע און פּאַרטיפּטע יידישלעכע געפֿיל; סוף כל סוף איז דאָך דאָס געזעץ פֿון אַקומילאַציע פֿון קוואַנטום אין קוואַליטעט, אַן אויסגעפּרוווטער — —

עס בלייבט נישט עפּעס אַנדערש איבריק ווי צו האָפֿן און צו גלויבן אין די אייביק זיך באַנייענדיקע כוחות פֿון אונזער געפּרוווט און אויסגעפּרוווט פֿאָלק.

אָבער דערווייל, „באשר הוא שם“ — — שרעקלעך לאַנגווייליק הייבט אָן אויסצוזען אַזאַ פֿאָלק, וואָס איז אַזוי יורדיש־אַראָפּגעקומען און אַזוי פֿאַרפּראַקטישט געוואָרן, אַז צומאָל די איינציקע שעה פֿון מתיחד זיין זיך מיט זיין גאָט, ווערט פֿאַרוואַנדלט אין אַן ענגען „בין־המצרים“, געכאַפּט צו ווערן פֿון אָרגאַניזערס און „אַפּישלס“ — — אָ, אַז מען האָט עס דערפֿירט צו אַן אויסוועג מיט אַזאַ שמאָל און ענגען אויסגאַנג: אם לא עכשיו“, אַז נישט ביי כל נדרי?...

עס שרייט שוין צום הימל אַזאַ טויט־ערנסטע לאַנגווייליקייט! אַזאַ פּראַקטישע טיכטיקייט פֿירט שוין צו קאָמישקייט, צו גראָטעסק.

פֿון דער „עקזאָטישקייט“ פֿון אונזערע שטעטלעך איז נאָך אַרויסגעוואָקסן גייסטלעכע גאונות, געניאַלע קונסט, אָבער וואָס פֿון אַזאַ קאָמישע פּראַקטישקייט, פֿאַרצוקערט מיט אַ ביסל לוקסוס־פֿאַרשונדעטע טעאַטראַלישקייט?

## 2. די צערעמאָניע אין לוקסעמבורג ביים חתמענען דעם אָפּמאַך

די פּראַקטישקייט האָט מנצח געווען, די „פּראַקטישע פֿאַרנונפֿט“ איז איצט איר עקסעלענץ, די באַפֿעלערין; זי איז היינט־צו־טאָג דער שכל הישר און דאָס יושרדיקע. דער באַשלוס פֿונם „כנסת“, מיט אַ גאַנץ קליינע מערהייט, בנוגע דעם „אָפּמאַך“ מיט דייטשלאַנד, ווערט אויסגעפֿירט. דער „רוב מנין און רוב בנין“ האָט גובר געווען! אַ פּראַקטישער „לית־ברירה“־נצחון אין דער פּאָליטיק איז אָבער לגמרי נישט אַזוי גבורהדיק העלדיש ווי אַ לית־ברירה־געראַנגל...

אמת, דאָס מענטשלעכע און יידישלעכע געפֿיל שטעלט זיך נאָך ווי אַ ביין אין האַלז, אפֿילו ביי די פּראַקטישע שרייערס און נאָכלויפֿערס, אָבער געלט, גאָלדעניו, כסף וזהב — — עס איז דער גאָט מולך, דער עקסעלענץ איבער דער מאַיעסטעטן מלוכה, וואָס באַהערשט און דערדריקט יעדעס יידישלעכע געפֿיל.

און אין דעם קעלביק־קלינגענדיקן „קול־ענות“, פֿון די גאָלדמענער אַרום דעם עגל הזהב און אין דעם צעטומלטן האָראַ־טאַנץ פֿון די קאָכלעפֿל און מעקלער לאַפּיטוטן אַרום אונזער גרויסער נויט, ווערט צעטרעטן אַלע אונזערע גייסטיקע און גייסטלעכע נויטן. די רעליגיעזע פֿירער, די פּאַרטיי מנהיגים, די גייסטיקע קולטור־טוער, אַלע שטייען גרייט צום דינסט, צום באַפֿעל, שטייען געבויגן אויף די קני, כורעים ומשתחווים — מיר זיינען אַ פֿאָלק פֿון דיסציפּלין!



נאָך זעט עס אויס אַ ביסל קאָמיש! דער סאָלדאַטסקע מאַנטל, די שליפּעס, די עפּאָלעטן פּאַסן זיך נאָך נישט גאַנץ צום הויקערוואַטן געשטעל פֿון אַ „פּישקע דעם קרומען“, פֿון אַ צעקראָכענעם „מענדל בריינעס“—די פּראַקטישע פֿאַרנונפֿט פּאַרט זיך נישט מיט אונזער שפּרינגענדיקן „מנחם מענדלען“! אָבער געלט, גאָלדעניו, כסף וזהב — מען קריכט דאָך דערפֿאַר אַרויס פֿונם אייגענעם לייב און לעבן! און אַז „קליידער מאַכן מענטשן“, ערשט די בגדי מלוכה!...

נאָך זעט עס אויס אַ ביסל קאָמיש! אָבער נאָך אַ ווייל און עס וועט שוין אפֿילו באַלד נישט זיין ווער עס זאָל דאָס קאָמישע דערפֿון נאָך זען צומאָל — עס וועט אַלץ זיין אַזוי פּראַקטיש נאַטירלעך, אַזוי היסטאָריש־זעלבסטפֿאַרשטענדלעך: דער אָפּמאַך וועט זיין דער „מאָראַלישער דערפֿאָלג“, וואָס איז דערגרייכט געוואָרן אין אייראָפּע אין אונזער יאָרהונדערט!

איר עקסעלענץ די פּראַקטישע פֿאַרנונפֿט גייט מיט ריזן־שריט, עס בלייבט קוים איבער איין פּראַקטישער אויסוועג נאָך: זיך צוצוקוקן, נישט ווי ווייט ער וועט מיט זיין מאַרשירן דערגרייכן, נאָר אַז מען זאָל אונטער דעם ריזן־טראָט נישט צעטרעטן ווערן...

### די אויסגעפּרוווטע ענגלישע אַטאָם־באָמבע

נישט בלויז אַז די אַטאָם־באָמבע פֿאַר אונז —
נאָר מיר פֿאַר איר זענען שוין צוגעגרייט!
אַן אינזל מער, אַן ערד־טייל ווייניקער,
באמת, נישט קיין גרויסער אונטערשייד.

אויב נאָך די פּראַגע ווער ס׳וועט געווינען,
וויפֿיל ס׳וועלן פֿאַלן פֿרעגט זיך דען ווער?
אַ געשלעכט פֿון שאַקאַלן זיינען מיר,
„מאַכן“ אַ לעבן פֿון מאַכן געווער.

נישט נאָר אַז שוין קיין גאָט אין אונז נישט מער,
נאָר ווו נאָך אויף ערד אַ מענטש נאָך פֿאַראַן?
עס איז שוין „בור כרה ויחפרהו“,
אונטער טראָט אונזערן יעדער שפּאַן — —

דאָס שפּעקטאַקל ווען דער הוילער ערד־קויל,
ווי אַן אַטאָם וועט זיך טון אַ צעשפּאַלט — — —
מיר וועל זיך אַרויסשיטן כּון איר,
גלייך מאָטן פֿון אַ קלייד ווען עס צעפּאַלט.

לעצטער צוויט, יעדער דרים צעפּרעסן באַלד,
איין רגע נאָך און גאָרנישט שוין דערפֿון — —
איז דען נישט ווי מאָטן אַרום אַ ליכט
דאָס פֿליער־געפֿלאַטער אַרום דער זון?

## מיכאל זילבערבערג

## נאָר נישט מורא האָבן . . .

(דאָס צווייטע קאַפּיטל פון אַ בוך, וואָס ווערט צוגעגרייט צום דרוק)

יעדן זונטיק אין דער פרי האָט מיך שוין מיין באַלעבאָס צוגעהיטן אַז איך זאָל צוזאַמען מיט אים גיין אין קירכע. איין זונטיק פלעגן מיר גיין צו די פראַנציסקאַנער, דעם צווייטן צום הייליקן יאַצעק. עס איז מיין באַלעבאָס נישט אַזוי געגאַנגען אין דער מעסע ווי אין דעם פלעשל בראָנפן מיטן פאַרבייסעכטס נאָך די תפילות. דאָס פלעשל מיטן פאַרבייסעכטס האָט ער צוגעגרייט יעדן שבת פאַרנאַכט לכבוד זונטיק. איך האָב אָבער תמיד פאַר דעם באַצאָלט און דאָס איז געווען מיין כיבוד פאַרן באַלעבאָס.

אין גאַס האָט מען אָנגעהויבן צו רעדן אַז די דייטשן נעמען שוין מענטשן אַרויס פון די קירכעס. גאַנץ אָפט האָבן יונגע פּאָליאַקן געטיילט פאַר די קירכעס פאַרשידענע געהיימע צייטונגען צו דער באַוועגלעכער מאַסע פון מתפללים. דאָס איז נישט געווען קיין סוד פאַר דער געסטאַפּאָ און דער אָרטיקער זשאַנדאַרמעריע.

עס איז איצט פּאַסחאַ און איך דאַרף גיין מיט מיין באַלעבאָס צו דער פייערלעכער מעסע אין דער קירכע פון הייליקן יאַצעק. איך גיב מיר אָפּ אַ חשבון פון דער גרויסער סכנה און פרעג שטיל און הכנעה׳דיק מיין באַלעבאָס: „באַלעבאָס טייערער, אפשר וועלן מיר היינט בלייבן אין שטוב, דאָס פלעשל קענען מיר דאָך אַזוי צי אַזוי אויסטרינקען?“

אַן אויפגעקאָכטער שפרינגט מיין באַלעבאָס פון אָרט צו אָרט. „וואָס“, זאָגט ער, „מיר וועלן מורא האָבן פאַר די שוואַבעס, אומקומען זאָלן זיי. דאָס איז גוט פאַר זיי, פאַר די יידן, זיי האָבן תמיד מורא. מיר דאַרפן נישט מורא האָבן. קום, קום“, רופט ער צו מיר, „אונז באַגלייט אייביק דער הייליקער אַנטאָני און די שוואַבעס וועלן נישט האָבן די חוצפה איבערצוטרעטן די שוועל פון אונזער קירכע“.

ער האָט מיך אָפּגעקוילעט אָן אַ מעסער. „וואָס הייסט מורא האָבן“, רוף איך מיך אָפּ, „אוודאי דאַרפן מיר נישט מורא האָבן, אַז דו ווילסט גיין, גייען מיר“.

אין אַ געהויבענער שטימונג ציען מענטשן פון אַלע זייטן צו דער פרעטע גאַס ווו עס געפינט זיך די קירכע פון הייליקן יאַצעק. מיין באַלעבאָס, אַ שטאָלצער און צופרידענער, ווייזט פלוצלינג אויף די חורבות פון אונזער געטאָ. „אָט זעסטו“, ווענדט ער זיך צו מיר, „מיר האָבן אַ גרויסן גאָט אויף דער וועלט, האָט ער זיי די זשידקעס באַצאָלט“ . . .

מיר דערנענטערן זיך צו דער קירכע. זי איז שוין געפּאַקט מיט מתפללים. דער גלח פּראַוועט די עבודה, דער כאָר מיט די אָרגלען אַרבעטן מעשים. די מעלאָדיעס דאָ זיינען מיר נישט פרעמד, פיל פון זיי גאָר היימישע פון ניט אַלטע צייטן. פון די רעליגיעזע לידער וועלכע ווערן איצט פון אַלע צוזאַמען געזונגען



דערגייט צו מיר איין רעפריין וועלכער קלינגט אין מיינע אויערן היימיש ביז גאָר — „ה ל ל ו י ה, ה ל ל ו י ה!“

דער גלח לייענט די פּרשה פון דער וואָך, נאָך דעם הייבט ער אָן אַ דרוש מעניני דיומא. מיין באַלעבאָס מיט פאַרמאַכטע אויגן האַלט אין איין זאָגן, זאָגט און קושט, קושט און זאָגט.

פּלוצלינג אַ באַוועגונג אין דער קירכע. איינער גיט איבער דעם צווייטן: זשאַנדאַרמעריע איז אָנגעפאָרן, זיי האָבן זיך אויסגעשטעלט פאַר דער קירכע און וואַרטן.

דער גלח האַלט זיך פעסט, ער דרשנט ווייטער. דער עולם אָבער איז צעמישט. איך כאַפּ אַ בליק אויף מיין באַלעבאָס, עס איז אים נישט צו דערקענען. ער איז בלייך ווי די וואַנט און ציטערט אין גאַנצן פאַר שרעק.

„נישט מורא האָבן“, זאָג איך צו אים. „אין דער קירכע וועלן זיי נישט אַריין, דאָ קען אונז גאָרנישט געשען, דער הייליקער אַנטאָני איז מיט אונז“.

די לאַגע אָבער איז ערנסט ביז גאָר. די שרעק ביים עולם שטאַרקט זיך פון מינוט צו מינוט. דער גלח האַלט זיך ווייטער פעסט, ער ענדיגט זיין דרוש און הייסט דעם עולם זינגען.

עס גייט אַ רייע רעליגיעזע לידער. אַלע זינגען מיט גרויס כונה און וואַרפן בליקן צו דער טיר. די זשאַנדאַרמען, ווייזט אויס, וואַרטן אויף די אַרויסגייער. אַלע זינגען ווייטער. יונגערע מענטשן אָבער הויבן זיך אָן צו־ביסלעך אַרויסצורוקן פון דער צווייטער זייט קירכע אויף אַ גאַנץ אַנדערע גאַס. איך אָריענטיר זיך גלייך אין דער לאַגע, גיב מיין באַלעבאָס אַ שלעפּ ביים אַרבל און מיר הויבן אָן צו גיין.

אין וועג צום אַרויסגיין זינגט נאָך מיין באַגלייטער צוזאַמען מיט אַלע. ער גיט אָבער כסדר צו ביין באַליבט וואָרט: „אַ בודי, אַ בודי!“ דאָס זאָל הייסן, אַ טויט די באַנדיטן, שלאָגט די באַנדיטן!

אין שטוב ביים פלעשל בראָנפן זאָגט מיין באַלעבאָס מיט שטאָלץ:

„כ׳האָב באַלד געזאָגט, נאָר נישט מורא האָבן, נאָר נישט מורא האָבן, אַ בודי, אַ בודי“.

## אפרים שמידט

## דער שפּיל פאַרן טייוול

פאַרבלאַסט מלחמה־שרעק אין הערצער און אין מוחות,<br>
דער טייוול שפּילט שפּאַסיק אויף גאָטס־באַראָט;<br>
פאַרשטעלט דעם אמת מיט גילדענעם פּרוכת,<br>
געפאַנגענע בלייבן מיר אין זיין טייוולס־ראָד.

ס׳פאַרציט דער שטן זיין כיטרעדיקן לאַכן,<br>
ר׳האָט איינגעוויגט אונז ווי אַ קינד אין אַ וויג,<br>
ביז אין אַ וועלט אַ טייוולשע מיר ווען דערוואַכן —<br>
ס׳פאַרמעסטן זיך די פעלקער אויף אַ דריטן קריג.

ה. פּאַצאַנאָווסקי

## די דין־תורה מיט גאָט

זעקס מיליאָן נשמות זיינען אַרויף צום בית־דין של מעלה און געפֿאָדערט אַ דין תורה מיטן רבונו של עולם. דער מלאך, דער שומר פֿון בית־דין, האָט אַ דערשטוינטער אַ פֿרעג געטון:

— אַ דין־תורה מיטן רבונו של עולם? ווער זענט איר דאָס, וואָס איר פֿאָדערט אַזאַ דין־תורה?

— מיר זיינען די זעקס מיליאָן!

— זעקס מיליאָן? — פֿרעגט ווידער דער מלאך, פֿאַרוואונדערט.

— איבער זעקס מיליאָן! — הערן זיך שטימען.

— אויב אַזוי — זאָגט דער מלאך — דאַרף מען גיין זאָגן דעם רבונו של עולם.

גאָט איז געזעסן פֿאַרטראַכט, און האָט זיך אויפֿגעכאַפּט ווי פֿון אַ חלום, ווען ער האָט דערהערט דעם מלאך זאָגן: „קדוש, קדוש, קדוש“.

— וואָס זאָגסטו נייעס? — פֿרעגט גאָט דעם מלאך.

דער מלאך, מיט אַ געבויגענעם קאָפּ, זאָגט:

— עס זיינען געקומען נשמות און פֿאָדערן אַ דין־תורה . . .

— און מיט וועמען פֿאָדערן זיי דאָס אַ דין־תורה? — פֿרעגט דער בורא־עולם.

דער מלאך, נישט גאַנץ דרייסט, זאָגט:

— מיט דיר, גרויסער גאָט!

— און ווער זיינען עס די נשמות, וואָס פֿאָדערן דעם דין־תורה? — פֿרעגט ווייטער דער באַשעפֿער פֿון דער וועלט.

— זיי זאָגן, אַז זיי זיינען די זעקס מיליאָן! — ענטפֿערט דער מלאך.

גאָטס פּנים איז געוואָרן בלאַס. ער האָט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ, ווי ער וואָלט גערעדט צו זיך אַליין:

— אָ, די זעקס מיליאָן. גוט — זאָגט גאָט — איך וועל באַלד זיין אין בית־דין.

דער מלאך האָט מיט יראת־הכבוד געבויגן דעם קאָפּ, זאָגנדיק: „קדוש, קדוש, קדוש“. עס האָט נישט לאַנג געדויערט און ס'האָט זיך דערהערט אַ קול:

— דער בורא העולם!

און גאָט האָט זיך באַוויזן מיט זיין ספר הזכרונות אין האַנט.

דער מלאך מיט די נשמות האָבן געבויגן די קעפּ. דער בורא האָט זיך אַוועקגעזעצט אויפֿן כסא־הכבוד, אַוועקגעלייגט דעם ספר־הזכרונות, און געזאָגט צו די נשמות:

— הייסט עס, איר האָט אַ דין־תורה מיט מיר?

— יאָ! — האָבן אַלע מיט אַמאָל געענטפֿערט.

— שטיל זאָל זיין! — האָט דער מלאך געגעבן אַ קלאַפּ אין טיש — נישט



אַלע זאָלן רעדן מיט אַמאָל, נאָר זאָל יעדע נשמה רעדן פֿאַר זיך! — און אַוועקגעשטעלט האָט זיך די ערשטע נשמה.

— דיין נאָמען? — פֿרעגט גאָט, אַראָפּבויגנדיק זיך.

— אסתר בת אברהם איז מיין נאָמען. אָ גאָט, צי ווילסטו מאַכן פֿון אונז ליצנות? ווייסטו דען נישט וואָס עס איז געשען, אַז מיר זאָלן עס דיר מוזן ערשט איצט דערציילן? . . .

און גאָט האָט אויסגעגליכן דעם רוקן, אויפֿגעהויבן זיין קאָפּ. דאָס פּנים איז אים געוועזן פֿייערדיק רויט, און ער האָט געזאָגט צו די נשמות:

— איר ווייסט דאָך, אַז איך וואַרט לאַנג און באַצאָל גוט! און אַזוי ווי איר זענט איבער זעקס מיליאָן אומגעקומענע אויף אַזאַ שרעקלעכן אופֿן, און צו באַהאַנדלען יעדע נשמה באַזונדער וועט פֿאַרנעמען צופֿיל צייט, בין איך מיט מיין בית־דין געקומען צום באַשלוס, אַז לעת־עתה האָב איך נאָך נישט באַשאַפֿן אַ שטראָף גרויס גענוג. בין איך־זשע געזעסן טאָג און נאַכט, קלערנדיק וועגן דער שטראָף, וואָס איך דאַרף ערשט באַשאַפֿן. זיצנדיק אַזוי און טראַכטנדיק, קומט אַריין איינער פֿון מיינע מלאכים פֿונם בית־דין של מעלה און זאָגט: „רבונו של עולם, דאַרפֿסט שוין נישט מער טראַכטן וועגן דער שטראָף!“ האָב איך אים געפֿרעגט: „וואָס איז געשען?“ זאָגט ער: „דיינע קינדער, די יידן, האָבן שוין שלום געמאַכט מיט די רוצחים!“ „ניין“, האָב איך געזאָגט, „דאָס קען דאָך נישט זיין, עס איז אוממעגלעך! אָט זאָגן זיי דאָך קדיש, צינדן אָן יאָרצייט־ליכט, מאַכן הזכרות, רייסן זיך קריעה! . . .“ „גיי, גיב אַ קוק אין ירושלים און וועסט זען“, זאָגט דער מלאך. און אַוועק בין איך קיין ירושלים, און געזען ווי אין דער כנסת איז מען געקומען צו אַ הסכם וועגן „שאָדן־ערזאַץ“, ווי זיי רופֿן דאָס. איך האָב נאָך ביז אַצינד נישט אויסגעפֿונען קיין גענוג גרויסע שטראָף פֿאַר די רוצחים, און דער כנסת האָט שוין אויסגעפֿונען אַ גענוג גרויסע סומע געלט, מיט וועלכער זיך צופֿרידנצושטעלן . . . אַזוי האָב איך אָפּגעווישט מיינע הענט פֿון זיי! אמת, איר האָט אַ דין־תורה, אָבער ווייסט איר מיט וועמען? מיט אייערע טאַטע־מאַמעס, מיט אייערע שוועסטער־ברידער, מיט אייערע קינדער; מיט זיי דאַרפֿט איר פֿאָדערן אַ דין־תורה! . . .

און גאָט האָט גענומען דעם ספר־הזכרונות און שטיל, מיט אַן אַראָפּגעלאָזענעם קאָפּ, פֿאַרלאָזט דאָס בית־דין.

עס הערשט אַ טויטע שטילקייט, קיין האַרץ רירט זיך נישט, אַ טרויערקייט האַלט אַלץ אַרומגענומען.

דער מלאך, דער שומר פֿון בית־דין, הייבט אויף מיט פּחד זיין דערשראָקן צעפּלאַמט פּנים און פֿרעגט ווידער די נשמות:

— וואָס האָט איר אַצינד צו זאָגן?

און די אַלע נשמות מיט איין קול האָבן מיט גרויס כוונה געענטפֿערט:

— ברוך דיין אמת!

יוסף הלל לעווי

## די באָבעשי דערציילט

אָוונט. מיר קינדער זיך לויפן צוזאַמען,
די באָבעשי זיצט אויף אַ בענקל און לײנט:
דעם צאינה וראינה מיט טויזנטער טעמים,
די זון קוקט אַריין דורכן פענסטער און שיינט,
און שמייסט מיט איר שטראַלענעם קאַנטשיק און שמיצלט —
די קינדערשע פּנימלעך צערטלעך מיט גאָלד,
אַזוי ווי די באָבעניו וואָלט זיי געקיצלט,
וואָס האָט זיי ווי ס׳לעבן געהאַט אַזוי האָלד.

די ווינקעלעך ווערן מיט שימער באַשאָטן,
עס גייט שוין דער כשרער שבת זיין וועג,
אַזוי האָט דער הייליקער בורא געבאָטן —
מ׳זאָל אויף אים וואַרטן דאַן ווידער זעקס טעג.
עס ציט אַזוי מאָדנע אַהין די נשמה —
צום וועלדל וואָס פלאַקערט אין פּורפּורנעם פלאַם,
עס שיידן אוודאי זיך דאָרט מסתמא —
די כלה פון חתן און וויינען צוזאַם.

די באָבעניו רוקט שוין אַרויף אויפן שטערן —
די ברילן אוןווישט זיך די אויגן שוין אויס,
אין צאינה וראינה איז נאָס נאָך פון טרערן —
איעדערעס הייליקע כשרע אות.
אַמאָל איז געווען, פאַנגט אָן צו דערציילן
די באָבעשי לאַנגזאַם און שטיל אונז פאַרטראַכט —
אַ בייזע מכשפה, וואָס פלעגט נאָר אין היילן
צו האַלטן פאַרשטעקט זיך בייטאָג און ביינאַכט.

און הענט האָט געהאַט זי אַזוי ווי די בערן,
מיט קידלעס מיט שוואַרצע באַוואַקסן, באַהאָרט,
דערשרעקן די קינדער פון שלאָף פלעגט זי גערן,
און קיינער האָט זאָגן איר גאָרנישט געטאָרט.
און פלעגן זיי וויינען, זי האָט אויף להכעיס
פאַרנאַרט זיי, פאַרטראָגן אין וואַלד מיט געוואַלט!
מיר האָבן געהערט דאָס מיט אימת המות,
אַז הייס איז אונז אַלע געוואָרן און קאַלט.

אַמאָל די מכשפה אַ מענטש איז געווען
מיט אַלעמען, דערציילט אונז די באָבעשי שטיל:
און פלעגט אויך די ספרים פון מוסר צו לעזן



מיט מחנות פון גרויסע צדקניות פיל.
נאָר איינמאָל אַ ווינט האָט געוואָיעט אין דרויסן,
אַ צדיק געקומען פאַרשטעלט איז צו גיין, —
אַלס בעטלער, זי האָט ווי אַ הונט אים פאַרשטויסן,
זינט דאַמאָלט אין איר איז אַ דיבוק אַריין.

און ז׳האָט שוין די האָרבאַנד פון קאָפּ נישט געטראָגן,
די קופּקע געוואָרפן אין רינשטאָק מיט כעס,
און האָט אַלע שויבן פון פענסטער צושלאָגן,
געלאָפן אַרויס אַ בישט גוטס אין דער גאַס.
און האָט זי דערזען אַ רויטע פּאַטשיילע
ווי ס׳לערנט אַ ייד די גמרא פאַרטראַכט,
זי האָט אים פאַרלאָשן דאָס ליכט, די נבלה,
און האָט זיך משונה צעקייכט און צעלאַכט.

אַמאָל גאָר זי איז אויף אַ ציג אָנגעריטן,
רב בעריש דער שוסטער אַליין האָט דערציילט:
די קאַפּן אַראָפּ פון די שיך אים געשניטן,
אַז ר׳האָט זי פאַר כעס אַזש צעקיילט און צעביילט.
און האָט זיך געמאַכט ווען אַ ברית אינעם שטעטל,
דאָס בייזע משלחת האָט באַלד זיך דערוווסט,
געקומען צו גיין מיט אַ „שמירהלע צעטל“,
דערוויילע — צו קניפּן דאָס קינד ביי דער ברוסט . . .

אָדער זי האָט זיך גאָר שטיל צו אַ חופה
פאַרגנבעט, געצונדן מיט אַלעמען לעכט,
און ווי נאָר דערזען ס׳האָט די כלה די קליפּה —
איז באַלד איר געוואָרן צום חלשן שלעכט.
און פרייטיק צו נאַכטס צו קבלת השבת
זי פלעגט זיך צו דרייען געשווינד ווי אַ ראָד —
אַריין אין דער מקוה, באַשיט זי מיט זשאַבעס,
דערנאָך איז געווען אַ מהומה אין שטאָט.

און איז זי אין שול ווען אַריין נאָר געקומען
און האָט זיך די לאָפּעס אין כיור געשווענקט,
האָט באַלד עס דעם חזן זיין קול אָפּגענומען
אַז ר׳האָט שוין קיין וואָרט מער אַרויס נישט געברענגט.
מיר האָבן מיט אימה געפרעגט: אַזאַ ריזן־
מכשפה ווי קען גאָר אַריין אין אַ הויז?
די באָבעניו האָט אונז געגעבן צו וויסן —
אַז אָפּט לויפט זי אָן דורך אַ לאָך פון אַ מויז . . .

און קומט זי פון קוימען דאַן ווערט באַלד אַ שרפה,
און קומט זי פון שליסל־לאָך אָן דורך דער טיר —
דאַן ווערט אַזוי דין ווי אַ האָר די מכשפה
אַז גאָט זאָל אונז אַלעמען באַשירמען פאַר איר . . .
דערפאַר מוז מען ניטל דאָס וואַסער פאַרדעקן
און לאָזן דעם שליסל אין שלאָס דאָרטן שטיין,
זי זאָל נישט חלילה די צונג אַריינשטעקן
און זאָל חס ושלום אין שטוב נישט אַריין . . .

און ווער האָט געקענט דען די כלבטע פאַרהעמען ?
מיר האָבן געפרעגט זיך דער באָבען געשנעל,
דאַן האָט מען אַ שפּיזל געמוזט צו איר נעמען —
און מאַכן בלוטרינציק זי גלייך אויף דער שטעל . . .
אַ ווילע די באָבעשי שטיל איז געוואָרן,
און האָט זיך אין הימל פאַרקוקט און פאַרקלערט,
מיר האָבן אין פּחד און שרעק זיך פאַרלאָרן,
נאָר באַלד האָט זיך גאָט פון אברהם געהערט.

און האָט אַזוי הייליק און ליב זיך צוקלונגען,
צעקושט אונז אַיעדעס צעשראָקענע גליד ;
זינט דאַמאָלט — פון וואָס כ׳זאָל נישט טרוימען, און זינגען,
באַגלייט עס מיך תמיד מיין באָבעניוס ליד.
עס האָבן אין הימל צעפינקלט זיך שטערן,
דער זיידעשי באַלד איז מיט גוט־וואָך אַריין,
דערמאָן איך די צייט זיך, דאַן קומען מיר טרערן,
און כ׳ווער ווי אַ קינד אַזוי צאַרט און איך וויין.

## קייטי בראון

# די באלאדע פון דער אלטער מאמע

(פאָלקסטימלעך)

זיצט אַ מאַמע איינגעבויגן,
קוקט אין פענסטער, קוקט אין גאַס,
פליען שאָטנס פאַר די אויגן,
שאָטנס אַלע טויט און בלאַס.

זאָל עס ברענען, זאָל זיך טרייסלען,
ס׳אַרט איר ניט, וואָס וועט געשען,
ס׳לעבן האָט ביי איר קיין ווערט ניט,
זאָל די וועלט אויך אונטערגיין.

ס׳קאָכט די וועלט זיך מיט מלחמה,
ס׳טרייסלט זיך די ערד אַ שרעק,
נאָר איר אַרט עס ניט, די אַלטע,
נעמען קען צו אַלץ אַן עק.

מאַכט זי וועגן עס איז דעם חשבון,
ווערט דאָס האַרץ איר פול מיט פּיין :
קינדער האָט זי צוויי געבוירן,
און איז עלנט ווי אַ שטיין.



איינער איז אַוועק זיך שלאָגן,
ניינצן־פערציק אין דעם קריג,
האָט פאַרלאָזן טאַטע־מאַמע,
ניט געקומען מער צוריק.

גיך פאַרשוואונדן איז דאָס לעבן,
ניט געהאַט קיין ברעקל פרייד,
אַלט און קראַנק איז זי געוואָרן,
אָפּגעלעבט נאָך פאַר דער צייט.

און דער צווייטער איז געפאָרן
אין דער וועלט צו זוכן ברויט,
איז אים דאָרטן אויך ניט בעסער,
שרייבט פון צרות און פון נויט.

ווען זי בלייבט אַליין דאָרט זיצן,
וויינט זי שטאַרק און ברעכט די הענט,
רעדט מיט בענקשאַפט און מיט ווייטיק
צו די בילדער אויף די ווענט.

און איר מאַן, דעם בעסטן חבר,
איז געווען דאָס לעבן שווער,
האָט אַמאָל געלייגט זיך שלאָפן,
און נישט אויפגעשטאַנען מער.

יעדע רופט אַרויס זכרונות,
פון אַ שיינער גוטער צייט,
ווען זיי זיינען קליין געוועזן,
און פאַרשאַפט איר נחת־פרייד.

זיצט אַ מאַמע איינגעבויגן,
קוקט אין פענסטער, קוקט אין גאַס,
פליען שאָטנס פאַר די אויגן,
שאָטנס אַלע טויט און בלאַס.

## שמואל ווהייט

# חשבון הנפש

אַז שעה׳ן זענען געציילטע,
ווער וויל נאָך חשבון האַלטן ?
אַז לעבן דאָס איבערגעאיילטע,
ווערט אויף טויזנט ברעקלעך צושפּאָלטן.

דיין „איך" קענסטו ניט מעסטן,
ווייל קורץ איז דיין אייל, דיין מאָס ;
דאָס לעבן שאַצן אַמבעסטן,
איז פאַרהויכט דיין פאַרגרעסער גלאָז —

אַז שעה׳ן זענען געציילטע,
לוינט ניט חשבון צו האַלטן ;
פון לעבן דעם צובייליטן,
מיט מוראדיקע געשטאַלטן . . .

---

**לייענער** פון „לשון און לעבן", „פריינט פון יידיש לשון", איר זייט אַלע איינגעלאַדן צום באַנקעט לכבוד דעם נייע־דערשינענעם בוך „ווידערוווקס", אין אַדלער האָל, דינסטיק, דעם 21־טן אָקטאָבער, 7.30.

## בן-א. סאכאטשעווסקי

# אויף דער וואך

ס׳איז געווען אַ שטאָק־פינסטערע נאָך־האַלבער נאַכט. די גאַס איז געלעגן אין אַ טויט־שטילקייט. מען האָט זיך איינגעהערט אין יעדן שאָרך. די שווערע גומענע שטיוול, וואָס מיר האָבן געטראָגן, האָבן קיין שום קלאַנג נישט איבערגעלאָזן הינטער זיך. עפּעס אַן אימה האָט זיך אויסגעשפּרייט.

וועט שוין די נאַכט אַריבער בשלום, אָדער די סירענעס וועלן זיך באַלד ווידער צושרייען, און וואָרענען וועגן די סכנות, וואָס דעם שונא׳ס עראָפּלאַנען ברענגען מיט זיך?

ניין, עס איז געווען שטיל. אין די שווערע שטיוול און וואַרדן־מאַנטלען זיינען מיר געגאַנגען אַרויף און אַראָפּ איבער דער גאַס. דער אויסטויש פון ווערטער האָט זיך געשטיקט אינם האַלז. ס׳איז נישט געווען וועגן וואָס צו רעדן. נאָך מיט נעכט, טעג, און וואָכן פריער האָט מען שוין אַלעס אויסגערעדט.

ס׳איז מלחמה, טויט און פאַרניכטונג; הייזער און גאַסן זיינען אָפּגעווישט געוואָרן. די צאָל פון קרבנות אין דער גרויסער מעטראָפּאָליס איז וואָס אַמאָל אַלץ גרעסער געוואָרן.

וועט דער שונא ענדלעך באַזיגט ווערן?

אַ מרה־שחורה האָט באַגלייט אונזערע טריט, געלאָפן אין פאָראויס, און נאָכגעגאַנגען פון הינטן.

האָט זיך דאָס אַלץ בלויז אַזוי אויסגעדאַכט, אָדער איז דאָס געווען דער האַלב־שלאָף און מידקייט אויף אונזערע אויגן, וואָס האָט גורם געווען די אונרו אויף אונזער געמיט און נשמה?

די ריזיקע וועלט־שטאָט האָט זיך געשטיקט אין איר אייגענער פינסטערער שטילקייט. אין איר זיינען געלעגן מיליאָנען מענטשן אין די אונטער־ערד באַשיצונגס אויסגראָבונגען. בלויז די וואָס האָבן געוואַגט, זיינען פאַרבליבן אין זייערע וואַרימע שטובן און בעטן.

אין דעם ווינטל וואָס האָט זיך צובלאָזן אין דער הערבסט נאַכט האָט זיך אויסגעוויזן ווי פליגל פון אַ שרעקלעכן מחבל וואָלטן זיך אַזוי געהיימניספול צו פאָכעט איבער די בלינדע הייזער, וואָס האָבן זיך ווי באַהאַלטן און איינגענורעט אין זייער אייגענער עלנטקייט, פונקט אַזוי ווי די הייזער וואָלטן געווען לעבעדיקע באַשעפענישן און נישט פון קאַלטן שטיין, שטאָל און זאַמד.

בלויז דאָ און דאָרט האָט זיך טיילמאָל דורך אַ פענסטער־שפּאַרע אַרויסגעריסן אַ דינער קוים זעבאַרער פּאַס ליכט, וואָס איז געווען ווי אַ דערמאָנונג, אַז דאָרט הינטער די ווענט רירט זיך נאָך דער אָטעם פון מענטשלעך לעבן.

באַלד איז די ליכט־שפּאַרע ווידער פאַרשטעלט און פינסטער געוואָרן, און די אומהיימלעכקייט האָט זיך אויפסניי אַראָפּגעלאָזן איבער אונזערע קעפּ.

מיר זיינען געגאַנגען אין צווייען, שטאָלענע העלמעטס אויף די קעפּ, די גאַז־מאַסקע פאַרוואָרפן איבערן אַקסל, אויפן לינקן אָרעם אַ באַנד מיט די אותיות



א.ר.פּ., מיט אַן עלעקטריש לעמפּל פאַרשטעקט אין גאַרטל איבערן וואַרדן־מאַנטל.

מיר זיינען די באַשיצערס, די מענטשן אויף דער וואַך, די באַשיצערס פון אַ הילפלאָזער וועלט. דער גורל פון דער שטאָט איז אָנפאַרטרויט געוואָרן אין אונזערע הענט.

איבער אַלע גאַסן, איבער דער זעלביקער פינסטערניש, גייען אַזעלכע ווי מיר, מיט אומרו אין האַרצן, מיט תפילות אויף די ליפּן פאַר דער מפּלה פון פיינט און שוץ און נצחון פאַר אונזערע.

מיר זיינען אַלט, עלטערן פון זין און טעכטער, וועלכע זיינען פון דער מלחמה אַוועקגעריסן געוואָרן פון אונזערע היימען.

ווו זיינען זיי איצט, וואָס טראַכטן זיי איצט?

מיר גייען אַרויף און אַראָפּ איבער דער פינסטערער, שטומער גאַס, וועכטער פון מענטשלעכן רשעות באַשטימט, דאָס צווייטע מאָל אין אַ מלחמה צו באַפרייען די וועלט פון מלחמות.

האָבן דען אונזערע זיידעס און אור־זיידעס נישט פאַרנומען די זעלבע לאַזונג און האָפנונג, און האָט דען דער זעלבער צוזאָג אויך ניט דערגרייכט צו די אויערן פון סאַמע אור־מענטש?

ביי דער עק־גאַס ווו עס הויבט זיך אָן דער פּאַרק, זיינען מיר שטיין געבליבן, געקוקט אויף די בוימער סילועטן וואָס האָבן אפילו אין דער פינסטערניש געקראָגן ליכט פון די אויגן, וואָס זיינען געוווינט געוואָרן צו דער פינסטערניש.

עס האָט זיך געדאַכט, אַז דאָס איז גאָרנישט קיין פּאַרק, נאָר אַן אור־אַלטער וואַלד, וואָס ציט זיך מיילען ווייט און טיף, און אַז דאָרט טיף אין וואַלד זיינען דאָ די נאָרעס פאַר ווילדע חיות.

אפשר וועט אַזאַ חיה פּלוצלינג פון דאָרט אַרויסשפּרינגען, און מיט ברענדיקע אויגן ווי פייער זיך אַ וואָרף טון אויף צוויי וואָרדנס, וואָס זיינען דאָרט שטיין געבליבן און זיי פאַרצוקן?

עס קען דאָך זיין, אַז אויך מיר אַליין זיינען אור מענטשן, אַז מיר לעבן נאָך לאַנג פאַר צייטרעכנונג, מיט די זעלביקע אינסטינקטן ווי די חיות צו פאַרניכטן, צו פאַרצוקן, כדי צו זעטיקן אונזער מאָגן און צופרידנצושטעלן אונזער תאוה.

אויב מיר זיינען שוין מער נישט יענע ווייטע אור־מענטשן איז דאָס בלויז דערפאַר וואָס די כלי־משחית אין אונזערע הענט האָבן זיך געביטן, טויטלעכער און געפערלעכער געוואָרן. נישט איינעם אויף אַמאָל נאָר טויזנטער אויף אַמאָל אָפּצווישן פון דער ערד.

ווי אור־מענטשן שטייען מיר ביים אָנהויב פון אור־אַלטן וואַלד, און ווייסן נישט ווען און פון וואַנען די ווילדע חיה וועט פון דאָרט אַרויסשפּרינגען און פאַרצוקן צוויי וואָרדנס מיט זייערע גומענע שטיוול, מיט די העלמעטס, און מיט די עלעקטרישע לעמפּלעך, וואָס הענגען אין אונזערע גאַרטלען.

ווי מאָדנע די געדאַנקען זיינען געווען, זיך געפּלאָנטערט אין מידן מוח, דער שלאָף איז געלעגן אין די אָפענע אויגן, וואָס האָבן כסדר געוואַרט אויף סיגנאַלן.

מיט אַמאָל האָט ווייט אין אַנדערן עק גאַס דריי מאָל אַ ציטער געטון דאָס גליענדיקע אויג פון אַן עלעקטריש לעמפּל, ווי אַ דינע פייערדיקע נאָדל וואָלט זיך אַריינגעשטאָכן אין דער געדיכטער פינסטערניש.

מיר האָבן אָפּגעענטפערט און מיט גיכע טריט זיך דערנענטערט צום קליינעם וואָרדנס פּאָסטן איינגעגראָבן אין דער ערד.

— וואָס איז געשען?

— אַ מענטש האַלט ביים שטאַרבן, אַ ייד.

פון וואָרדן פּאָסטן איז אַרויסגעגאַנגען אַ רוף פאַר אַן אַמבולאַנץ.

עטלעכע יידישע וואָרדנס זיינען ווי שאָטענס צוגעקומען צום פלעט פון דער גרויסער געביידע. מ'איז אַריין אין דער דירה. די פרוי האָט געוויינט, איר יונגער זון האָט געציטערט פון אימה.

אַ דאָקטאָר האָט זיך מער נישט גענויטיקט. דער אָנגעקומענער אַמבולאַנץ האָט בלויז פאַראורזאַכט אַ גערויש. זיי האָבן פון דער דירה אַרויסגעטראָגן אַ טויטן מאַן, צוריק אַרויס פון טויער מיט אַ גערויש און דערטרונקען געוואָרן אין חושך פון דער נאַכט.

די שכנים אין די שעלטערס האָבן פון גאָרניט געוווסט, און אויך נישט יענע, וואָס זיינען פאַרבליבן אין זייערע היימען.

אַ מענטש איז געשטאָרבן מיט אַ נאַטירלעכן טויט, געלעבט און פאַרשטומט געוואָרן.

דער געדריי אַרום דעם פלעט אין הויף האָט זיך אויפגעלייזט, ס'איז ווידער שטיל און שטום געוואָרן אין דער אַרומיקייט.

גאָרנישט איז געשען, און די שעה'ן גייען פאַרביי בשלום.

עס וועט קיין לופט־אָנפאַל אפשר מער נישט זיין אין דער דאָזיקער נאַכט.

מיר גייען ווייטער איבער דער גאַס אַרויף און אַראָפּ. מ'שווייגט. מיין באַגלייטער איז אַ קריסט. „ביג־בען", דער גרויסער שטאָט־זייגער, האָט זיך צוקלינגען, און דעם אויסקלאַנג פון דריי מאָל אַריינגעוואָרפן אין דער פינסטערניש ווי אַ פריילעכן אָנזאָג, וואָס האָט געשטאַרקט און געמוטיקט.

ווי מיד דער מוח איז, די אויגן ווערן שווער, אַ צומיש פון געדאַנקען:

— וואָס איז לעבן, וואָס איז טויט?

איך האָב געקענט דעם פאַרשטאָרבענעם שכן. ער איז געווען אַ שניידער. נאָך נעכטען אָוונט זיך אָנגעטראָפן און באַגריסט איינער דעם אַנדערן.

מיר בלייבן שטיין אָנגעשפאַרט ביי די פאַרבליבענע אייזערנע שטאַכייטן פון אַ טויער, מיר שטייען אָנגעשפאַרט און שווייגן. נישטאָ מער וועגן וואָס צו רעדן. אַלעס שוין פריער זיך אויסגערעדט.

פון שטיגן צוטראָגט זיך דער אָפּהילך פון שווערע טריט. אַ בייסיקל מיט אַ קליין ליכטיק אויגל טראָגט זיך איבערן הויף, קומט צו צום טויער און ווערט באַלד נעלם אין דער נאָך פאַר'חושך'טער נאַכט.



מיר שטייען און שווייגן, גייען צו צום וואָרדן פּאָסטן און קערן זיך צוריק צום טויער.

אַ משוגעת, זיך אָנגעטשעפּעט אין טויער, ווי מען וואָלט דאָרט שוין געוואַרט אויפן אָנקום פון טאָג מיט דער כונה צו זיין נאָענט צו דער אייגענער שטוב.

פאַרגעסן אפילו, אַז די וואַך מוז זיך בייטן, אַז מען מוז וואַרטן ביז וואַנען דער טאָג וואַך וועט אַרויסקומען אַן אויסגערוטער און פרישער נאָכן שלאָף אין דער דאָזיקער רואיקער נאַכט.

אַ יונגע פרוי איז פון גאַס אַריין אין טויער, ווי אַרויסגעשיילט פון דער פינסטערניש, און מיט גיכע קלאַפּענדיקע טריט פאַרשוווּנדן געוואָרן אין גרויסן הויף.

די טריט אירע האָבן אויך אָפּגעקלונגען פון די שטיגן איבער וועלכע זי האָט זיך געאיילט.

אַהיימגעקומען פון איר נאַכט אַרבעט, אָדער פון ערגעץ אַנדערשוווּ?

וואָס פאַר אַ נאַרישע מחשבות עס קענען געבוירן ווערן אין אַ מידן מוח!

מיר שטייען אויף דער וואַך, גייען אַרום אויף דער וואַך, די שטיוול ווערן וואָס אַמאָל שווערער פאַר די פיס, דער וואָרדן־מאַנטל דריקט אַראָפּ דעם קאָפּ.

ביג־בען האָט זיך ווידער צוקלינגען אַ ווויליונגערישער אין דער פאַרגייענדיקער נאַכט אַריין.

פינף מאָל האָט זיך דער געקלאַנג צוצויגן און אָפּגעעכאָט אין דער נאַכט אַריין.

עס איז שוין נישט געווען לאַנג צו וואַרטן אויפן אָנקום פון בייעם טאָג.

## א. נ. שטענצל

## צייט-גראמען אין גרים

עס טוט צופיל וויי, אַז ס'זאָל זיין „צער און צאָרן"־לידער.

ימים נוראים 1952 . . .

„לך ה' הצדקה ולנו בושת הפנים".

1

נישט קיין „כאל מלא רחמים" צו מאַכן,
און דאָס וואָס געוועזן נישט מער צו באַקלאָגן,
מיט געבויגענעם קאָפּ אַ ייד צווישן יידן,
און וואָס אַלע וועלן זאָגן, כ'וועל מיטזאָגן.

און אַז די צייט וועט קומען, מ'וועט אונז ווידער,
אין גאַז־קאַמער און אין קרעמאַטאָריום טרייבן,
מיט אַ געבויגענעם קאָפּ שטיל כ'וועל גיין — —
אַז אַזאַ חתימה געקענט מ'האָט אונטערשרייבן!

2

זוי יידיש פאַרגאָסן בלוט געווען איז גוט,
טרייבן דערמיט פון רעוואָלוציעס די רעדער,
אַזוי אַצינד פון די קדושים דאָס אַש,
צו באַשיטן דעם „אָפּמאַך", פריש פון דער פעדער.

אָבער ווער ווייסט, צי דאָס אַש פון 6,000,000,
פאַר די בלויזע חתימות כאָטש ס'וועט גענוגן,
ווי ס'בלוט פון זכריה פליסט פעט יעדעס אות!
ווי חוצפּהדיק צעציקט אויסגעלייגט זיי ליגן.

3

אָ, אַז מיר האָבן עס אויסגענוצט דאָס אַש,
די נבלה־אונטערשריפטן צו באַשיטן,
איז ווו וועלן מיר נעמען פאַר אונזערע קעפּ,
געבויגענע אין אבילות און צעליטן?

גאָט און מענטש אין פּנים אַריין צוקוקן,
מיר וועלן זיי שוין נישט מער אויפהייבן קענען!
אַ חוץ, אַזאַ חרפּה גליאיק דערפילן,
ביים לעבעדיקן לייב אויף אַש צו פאַרברענען.

## די באלאדע פון שווארץ געפלעקטן כארט הונד . . .

עס האָט פרידריך דער צווייטער זיך
געליבט מיט אַ שוואַרץ־געפלעקטן כאַרט־הונד,
ווען זיי האָבן זיך צעביסן,
איינער דעם צווייטן געלעקט האָט די ווונד.

אַ פאַרקנסן, אַ ליבן זיך,
ווי פאַר אַ דייטשישן קעניק עס פאַסט!
נאָר דער שוואַרץ־געפלעקטער כאַרט־הונד,
ביי ראַסן־כלבים אויף אייביק פאַרהאַסט . . .

## מפי־העם

די דייטשע מיליאַרדן

אַז מען גייט איינמאָנען די ירושה,
מוז מען נאָך באַצאָלן דאָס קבורה־געלד!
די קאָסטן פון די 6,000,000 מתים — —
איז דען דאָ אַזויפיל געלד אויף דער וועלט?

ס'וועט די ירושה, פאַר חברה קדישא,
אויף אַ „לחיים" קוים סטייען צומאָל!
אַזאַ פּנים האָט אַ „קנאַק־יעקב",
ווען ער קומט פון ידיים פון ישראל.





די רעפּעראַציע איז אַ געלונגענע,
אָבער דער חולה חלילה קאָן דערפון שטאַרבן!
דאָס שוואַכע האַרץ פאַר פרייד וועט זיך אים אָפּשטעלן,
הערנדיק די ירושה וואָס ער גייט אַרבן.

נישט נאָר דעם „מחיר כלב" פון די קדושים,
ר'וועט אויך ירשנען ס'קיניג־ריח פון גערמאַנען!
ער וועט זיך גאָר פלינק אויסלערנען די בוי־טעכניק,
פון קאָמערן מיט אויפגעדרייטע גאַז־קראַנען.

וועלן זיך ציען 14 יאָר"

„דער פריץ קאָן פּגרן, אָדער דער הונט,
דער ייד אָבער וועט געראַטעוועט זיין!"*
דייטשלאַנד אַפריער אָפּגעמעקט ווערן,
אַזאַ ישראל, חלילה, אונטערגיין.

אַ לאַנגע צייט עס ציען זיך 14 יאָר!
און שטייט נישט גאַנצע וועלט אויף פולווער־פאַס?
נישט נאָר אין מעשהלע, אַמאָליקן,
ס'פירט זיך אויך די וועלט כדין־וכדת.

דער „אָפּמאַך"

אַז מען מאַכט־אָפּ שפירט זיך,
אויף דורות־וויט וועט עס שטינקן!
פאַר חרפּה עס ווילט זיך,
ווי קרח און זיין עדה,
אין דער ערד אַריין פאַרזינקען.

מען האָט זיך במחילה'ט — —
ס'ריח־נחוחט ביז צום הימל!
מ'וועט אויך מיר מוחל זיין,
וואָס מיין יידישלעכע נאָז,
טוט זיך במחילה אַ קרימל.

---

*פונם פאָלקס־מעשהלע, ווו דער פריץ האָט געוואָלט, אַז דער ייד זאָל אויס־לערנען זיין הונט טאַנצן. דער ייד האָט עס אונטערגענומען צו מאַכן במשך פון איניקע יאָר, ווייל —

### אַ קאַפּעטשקע דיפּלאָמאַטיע . . .

דיפּלאָמאַטן גייען אין זיידענע הענטשקעס,
ווייל זיי גראַבלען זיך אין די מיאוסקייטן אַרום,
מעג דאָך אַ יידישער „שופר של משיח״־נאָז,
וואָס איז גלותדיק נאָך איינגעבויגן און קרום,

זיך צעניסן ווען אַ שאַרפן ריח זי דערשמעקט — —
אַפּשיק! דריי מאָל אויסגעשפּיגן, ביים אויער אַ ציי:
מסתם, דער געררוך פון משיח׳ס אייזעלע,
אַרומפּוצן זיי נעמען זיך די מי — ווי?

אָדער איז דאָס אייזעלע פון שטאַל אַנטלאָפן,
אַן משיחן, אַ קאַפּעטשקעלע צו פרי — — ווי?

### „די ערשטע בריק צווישן ישראל און דייטשלאַנד״
(פון אַ רעדע פון ישראל׳ס אויסערן מיניסטער)

איז דאָס טאַקע די „פּאַפּירענע״ בריק,
פון וועלכער מיר האָבן זיך קינדיש דערציילט,
אַז אויף איר וועלן דאָס אַריבערגיין,
אומבאַשעדיקט די וואָס זיינען אויסדערוויילט?

אָ, עס איז גיכער יענע „„אייזערנע״ — —
און ווייל אַן אויפגעבויטע פון אַן ערזאַץ, —
פון זעקס מיליאָניקן „שאָדן ערזאַץ״! —
דערפאַר אינמיטן גיין אויף איר — דער צעפּלאַץ!

### „רצחת וגם ירשת״ . . . ?

אַז צומאָל דעם „רצחת וגם ירשת״,
ער קאָן איצטער דעם רוצח נישט מער זאָגן,
איז נאָך וואָס האָט אליהו נאָך אַנצוקומען,
אפשר אונז ווי די שולדיקע אַנצוקלאָגן?

אָבער צו אונז ברויך מען דען זיין נקמה־האַק?
עס קאָן נאָך פּראָסטער גלות־שטעקן פאַריאָגן,
שאַקאַלן וואָס האָבן זיך צונויפגעלאָפן,
די „עצמות יבשות״ אַרומצונאָגן — —

## א קלארער ענטפער אויף דער „אבעיה״ מכוח ראטיפיצירן

קאַצעטניקעס לעבנגעבליבענע לייבקנעכט,
אויסגעראַטעטע רעשטלעך פון ליקווידירן — —
דאָס הערנפאָלק, אָפּיצירן באַוויליקן!
איר אָבער — צו פאַרירן און אויסצופירן.



עס מיינט נישט, דעם פּרייז פער קאָפּ אַראָפּגעלאָזן — —
נישט קאָנקורירן, אָדער מאַרק־פּאַרביליקן!
אַ קאָנטע אַזאַ — שטאַטס־סטאַטוטן געהיימע:
פּאַרטיליקן, באַוויליקן און סילוקן.

און וויפיל האָט זביטקאָווער* געצאָלט פער קאָפּ?
קוים אַ קערבל, פאַר אַן אָפּגעהאַקטן טויטן!
אפשר זאָל מען אייך 6,000,000 קדושים־אַש,
אויף פּראַשקעס אויסוועגן, אויף קווינטן און לויטן?

איר תפוצות־הגולה, איר גלות־יידן דאָרט,
הערט זיך ליבערשט אויף פיל צו פילפּלען און קהלן,
און די אָפּילן צו אַ פּעני אויספילן,
ווען נישט, אויך נאָך פאַר אייך זיך לאָזן אויסצאָלן . . .

צוויי טויזנט יאָר ווי מיר האַלטן אין איין קנעלן,
„השתא בזמן קרוב״, גאולה און דערלייזן,
און דעם ריכטיקן טייטש מיר זאָלן פאַרגעסן:
אַז מען האָט סחורה, איז דאָ פון וואָס צו לייזן . . .

און נישט בלויז אַז גאַנץ אַזיע אויפציטערן וועט,
ווען דערזען זי וועט סאַמע וואָלוועלע פרייזן,
נאָר דייטשע וואָיאַזשאָרן, וועלן מיר „אין בליץ״,
„מיט זיבן־מיילן שטיוול״ דעם גלאָב באַשפּרייזן.

## „מעיד אין דזשערמעני״

1

### אין די יעקישע קאַפּעס אין תל־אביב

„בכל יום אחכה לו״ . . .

ווען נאָר דער ערשטער אַגענט אָנקומען,
ווי וועלן זייערע הערצער אויפלעבן;
די יעקישע קאַפּעס אין תל־אביב —
בייכיקע סאַמאָוואַרס גרעבצן, פאַרגעבן.

אַ קעלנער, סערוויעטל אונטער אָרעם,
רעפּעטירט אַ „קניקס״ שוין צו זיין איינטרעטן;
ס׳זינגט זיין קאָפּ אַ צעזוממטער סאַמאָוואַר:
„לאָמיר זיך איבערבעטן, איבערבעטען — —״

וואָס מיר לאָקשן־יידן איצט, שוואַרצער מאַרק —
גלאַט־כשרע „מעיד אין דזשערמעני״־סחורה!
זיי דערוואַרטן אים מיט ברויט און מיט זאַלץ,
און — מאַרטין דעם צווייטנס פאַרדייטשטע תורה!

האָט ווער מיטגעברענגט אַ ריינראַסיקע,
ווי וועט ער זיך דאָס איצט מיט איר באַווייזן!
נישט איינע, אַציגד, „מעיד אין איזראַעל",
מיט אַזאַ אַגענט „אין דער היימאַט" רייזן . . .

די יעקישע קאַפעס אין תל־אביב —
צעבלאַנקטע סאַמאָוואַרס זידן און שוויצן:
אפשר שוין שרייבן שויפענסטער־שילדל,
„איינטריט פאַרבאָטן פאַר שמוציקע קאַפטן יידן"?

2

דאָס „שהחיינו"־קאַפּעלע

אַ פריינט האָט מיך צו זיך איינגעלאַדן,
ראש־השנה „שהחיינו" צו מאַכן,
אַ ישראל קאַפּעלע, אַ פריש זיידנס,
געלעגן צווישן די שפּאָגל־נייע זאַכן.

געלויכטן ס'האָט, אַטלעס־בלוי, זיידן־ווייס,
„היברו"־ווערטער דערויף גאָלדן צו לעזן!
אַ קאַפּעלע פאַר גאָט און פאַר לייטן,
ווי עס וואָלט פון פראַנקפורט־אַם־מיין געוועזן.

מסתם, אַ מוסטער „מעיד אין דזשערמעני",
אויף די ימים־נוראים שוין אָנגעקומען!
איך האָב קיין „שהחיינו" נישט געמאַכט,
מיין צונג האָט זיך צוגעקלעפּט צו מיין גומען.

טישטעכל מיט הייליקע מקומות,
וועט ערשט אָנקומען נאָך ראַטיפיצירן!
דייטשע קונסט שטייט הויך, ס'נעמט אַ שטיקל צייט,
אַ „קבר רחל" קונציק אויסצופירן.

אויף סוכות מסתם אַזאַ טישטעכל,
מיין פריינטס סוכה יידישלעך שוין באַשיינען!
אָ, מיך געמוזט גוט צוזאַמענגעמען,
הויך אויפן קול איך זאָל מיך נישט צעוויינען.

## מקומות הקדושים

די מקומות הקדושים ווער ברויך זיי נאָך,
רחלס קבר, מכפלה, רבי מאיר בעל נס?
אַ געשטאָפּטע תציל־ממות־פושקע,
פון די זעקס מיליאָנען עס איז יעטווידער מת.



עפּעס דאָרט, אין גלות, אין חדר, אַמאָל,
ביים וויינענדיקן אָנצינדן די שבת־ליכט,
אַריינצושטעלן אין פערפאַסטע תחינות,
צו באַשיינען פאַרפינסטערטן שטראָם־גראַם געדיכט — —

אָבער אַציגד ווער ברויך זיי, די מקומות,
וואָס קוקן מיט קאַליקע־בליקן, פול טראַכאָם?
עס איז ישראל ככל הגויים שוין,
פּלי־ און מאַרשיר־פלעצער — גאַרניזאָן! ערעדראָם!!

ווער ברויך זיי נאָך די כאַלאַטן־יידן?
ברייזעלעך תהלים טייטש שיט זיך זיי — לייז פון בערד.
רוק־צוג! נעזער נאַ שפּיץ!! שטיינגעבליבן:
דייטשע דיפּלאָמאַטן באַטרעטן ישראל־ערד.

## 1. מערת המכפלה

אַ שטיקל *modern* „שפתי־חכמים" אויף די „דבר־אחר'ס" אין רש"י חיי שרה*
נישט ווייל די אבות ליגן דאָרט באַגראָבן,
עס הייסט אַזוי אויפן נאָמען פון די ריזן;
רש"י טייטשט „מכפלה", אַ שטוב מיט אַ בוידעם,
איז ווי אַזוי קאָנען דאָרט ליגן די „אושפיזין"?

אין דירות־ארעי, אין סוכות אָן אַ דאַך,
בלויז ווי אורחים קוים אַריינקומען זיי מעגן!
צוזאַמען מיט אייך אין גלות, אפנים,
זיינען זיי אין דער ערד דאָרט טיף געלעגן — —

און אַז פון אַלעם איצט, פון חדר, פון אַמאָל,
עס האָט זיך אויסגעלאָזן דערפון אַ בוידעם,
איז וואָס האַקט איר אַ טשייניק, דרייט איר אַ ספּאָדיק,
עטע־פּעטע, קלינגערס — אָט־אָ דאָס איז קודם!

יאָ, אברהם האָט באַצאָלט 400 שקלים,
אין עובר־לסוחר רענדלעך, אין מזומן,
אָבער ווער זאָגט דאָס, אַז דער מת, מאַמע שרה,
איז טאַקע דאָרטן־אָ צו קבורה געקומען.

פאַר טויטע באַקומט מען געלט, קוראַנטע סחורה!
האָבן מיר עס נישט באַשיינפּערלעך באַוויזן — — —

* „בקרית ארבע: על שם ארבע ענקים שהיו שם, אחימן, שישי ותלמי ואביהן; דבר אחר, על שם ד' זוגות שנקברו שם איש ואשתו, אדם וחוה, אברהם ושרה, יצחק ורבקה, יעקב ולאה" (בראשית כ"ג, ב').
„המכפלה: בית ועליה על גביו; דבר אחר, שכפולה בזוגות" (כ"ב, ט').

נישט ווייל די אבות ליגן דאָרטן באַגראָבן,
עס הייסט אַזוי אויפן נאָמען פון די ריזן —

„אחימן שישי, ותלמי, ואביהם" — — —
אָט זיי אין דער מערה באַגראָבן זיינען,
אַי דאָס פעלד וואָס אברהם האָט אין חברון געקויפט?
פאַר דבר־אחר׳ס — פעטע האָדעווע־פליינען!

דאָס מיינט טאַקע רש״י מיט די „דבר־אחר׳ס" — —
וואָס דריי איך אַ ספּאָדיק, וואָס האַק איך אַ טשייניק,
ווייס איך נישט אַליין, אַן עקל פון אַ חזיר
אַ שטריימל דערפון צו מאַכן, ס׳איז צו ווייניק.

## 2. די כותל מערבי

צי וואָלט דען נאָך געשטאַנען די כותל,
אַז הימל־קראַצערס שוין מיר האָבן?
פאַר אַ באַן פון „הר הערצל" צום „צופים",
אין אַ טונעל זי אונטערגעגראָבן.

צי וועט נישט באַלד אַן אונטערגרונד לויפן,
אונטער די וואַסערן פון ירדן,
איצט אַז איינקאַסירן מיר גייען שוין,
פאַר די מיליאָנען — די מיליאַרדן!

יאָ, אויב געקוילעטע זיינען קדושים,
הייליקער נאָך, ווען כפל־כפליים...
אָ, ווי וואָלטן מיר דעמאָלט אויפגעבויט,
אַ הימל־קראַץ־ירושלים — — —

די אַלט־שטאָט הינטן, צופיל זי דערמאָנט
אין גלות און אין געטאָ־מויער;
ס׳ווערט שוין פינסטער אין די אויגן,
פון איין מאה־שערים־טויער.

צווישן געסל־געפּלאָנטער, פאַרשטונקן,
גרוי־פאַרקאָפּטשעט פון די נאַרגילעס,
אַריינגעפּאַסט די כותל־קוליסע —
אויף קוליעס צעשאָקלטע תפילות — — —
— — — — — — — — — — —

ביי זיי דאָרט, אַ חורבה צווישן חורבות,
איז זי, די כותל, שטיינגעבליבן,
און עס וועלן האָבן ווו צו קלאָגן,
יענע וואָס אין גלות פאַרטריבן.



## 3. קבר־רחל (באַלאַדע)

„קול ברמה נשמע רחל מבכה על בניה"

1

נישט קיין קעמל פאַרמאָגן זיי,
נישט קיין אייזעלע אפילו,
אַרום מאַמע רחל׳ס קבר,
געטוליע אין שטילער תפילה.

ווי ווייט איז דען צום נעסט אַהיים?
אַן אַקער קוים מיט אַ האַלבן!
און זי וואַלגערט זיך אַרום דאָ,
מיט אירע נאַקעטע שוואַלבן.

אַ פרוי אַליין, קראַנק, צעבראָכן,
און טויט דער איינציקער שפּייזער;
וואָלטן כאָטש „יאַהודס" דאָ געוווינט,
צו גיין איבער זיי׳רע הייזער — —

איבער דעם דריטן בערגל דאָרט,
ווו געפאַלן זייער טאַטע,
שטייט אַן אויסגעקלעפּטע פון ליים
זייער „חושע־חאמרא"־כאַטע.

ערגעץ־ווו וואַלגערט זיך מסתם
אין אַ ווינקל זיין נאַרגילע,
זי, מיט די יתומים זיינע
צומאָל קיין ווינקל אפילו —
— — — — — — — —

און צום קאַלטן מצבה־שטיין,
פאַלט זי צו מיט ליפּן שטילע.

2

אַז אייגן קינד דערוויטערט ווערט,
גאָר דאָס פרעמדסטע איז שוין אייגן!
שטאַרקער ווי העכסטער יאָמער,
איבער איר קבר דאָס שווייגן.

און מאַמע רחל כאַפּט זיך אויף,
דערשראָקן אין גרויסער אימה — —
אָ, נישט אַ פּולס מיט רחמנות,
עס איז איר האַרץ מלא־חימה:

אַז מיך דאָ ליגן געלאָזן,
יעדנס געקלאָג צו פאַרגעלטן — —
צי זאָל איך, חלילה, אַצינד,
מיין אייגן פלייש דען פאַרשעלטן?

אַז מען הערט נישט מער פון קינדער,
גייט דאָך זיי גאָר גוט מסתמא;
אָך און וויי צו אונזער דאָליע...
אָבער וואָס וויל מער אַ מאַמע.

דו ביזט דאָך, ווי איך, אַ מוטער,
קאָנסט מיין לאַגע גוט באַלייגן:
אַ מאַמע ליבט אירע קינדער,
ס׳ערגסטע נאָך זי וועט פאַרבייגן —
— — — — — — — — —

און איר „קול ברמה נשמע",
פאַרגייט אין ביטערן שווייגן.

## דאס הייליקע לאנד

(דעם אָנדענק פון מיין שוועסטער, צימעלע, איינע פון די 6 מיליאָן,

... נישט „כעפר הארץ", ווי דער שטויב פון דער ערד —
כאָפּר — אַזוי פיל ווי די וואָס אויף אַש פאַרברענט!
אויב נישט נקמה גענומען, אַ טויט פאַר אַ טויט,
איז כאָטש אַ לעבעדיקן פאַר יעדן וואָס פאַרלענדט.

אַז נישט בלויז דאָס אויסלייז פאַר אייער גרויליקן טויט,
אונזער לאַנד אַצינד אויסגעלייזט מיר האָבן צוריק,
אָ, נישט פאַר דער קצבה פון אונז 12 מיליאָן יורדים,
וואָס זיינען זוכה מיט די אויגן צו זען דאָס גליק —

פאַר דער ירושה־עשירות פון אייער האָב און גוטס,
וועט וווּנדערלעך געבויט ווערן דאָס הייליקע לאַנד!
אַ מקום קדוש, אַ הייליק פּלאַץ, אַ מאָנומענט —
אין ארץ ישראל יעדע ניי אויפגעבויטע וואַנט.

## אליהו פאלושאק

## ווו-אהין עס פירט א וועג

ווען איר נעמט אין האַנט אַריין די „דזשואיש קראָנקל" פון פרייטאָג דעם 29־טן אויגוסט 1952, וועט איר אויפן טיטול־בלאַט געפינען אַ רעפּראָדוקציע פון אַ פאָטאָגראַפיע מיט 13 יידישע מענער. דאָס זענען די יידישע דעלעגאַטן, וואָס האָבן פאַרהאַנדלט אין האַג מיט די דייטשן אין נאָמען פון מדינת ישראל וועגן די רעפּעראַציעס, וואָס זיי, די דייטשן, זאָלן באַצאָלן פאַר דעם גערויבע־וועטן האָב און גוטס פונם אויסגעהרגעטן יידישן פאָלק אין אייראָפּע. דרייצן יידישע פּנימער, זאַטע און צופרידענע, צום טייל מיט אַ באַחנטן שמייכעלע, אויסגעפּוצט אין עסיק און האָניק לויטן לעצטן שניט אין דער מענערישער מאָדע, און עס דאַכט זיך אונדז, אַז מיט דעם דאָזיקן בילד פאָדערן זיי, די דרייצן יידישע מענער, אונדזער צושטימונג און אָנערקענונג פון דעם וויכטיקן שטיקל אַרבעט, וואָס זיי האָבן אויסגעפירט אינם נאָמען פונם יידישן פאָלק.

עס הייסט, אַז אַדענויער׳ס מערב־דייטשלאַנד האָט נאָך לאַנגע און שווערע פאַרהאַנדלונגען צוגעשטימט צו רעפּערציע־צאָלונגען פון—250 מיליאָנען פונט שטערלינג אין סחורות און פּראָדוקטן אין אַ פּעריאָדע פון 12 יאָר. די דאָזיקע סחורות וועלן זיין: פאַרפאַבריצירטע הייזלעך, טראַקטאָרן, ווערקצייג־מאַשינען, שיפן און מאַריטימע אויסריסטונגען און רוי־מאַטעריאַלן איינשליסלעך שטאָל, — אָט דער סכום צו ווערן געליפערט פאַר מדינת ישראל.

אויבערפלעכלעך געזען — אַ סוחרישע אנגעלעגנהייט, אַ געוואַלטיקע קאָמערציעלע טראַנסאַקציע, וואָס קיין שום אַנדער מלוכה׳לע אינם נאָענטן אָריענט קען נישט אויפווייזן. שוין אַביסל צו סוחריש, צו קלוג און צו קאָמערציעל, ווען מען שטעלט אין פּאַראַלעל צו דער אַסטראָנאָמישער סומע פון 250 מיליאָן פונט שטערלינג די פאַרוויסטונג און פאַרניכטונג פון 2,000 יאָר המשך יידיש לעבן, — — נישטאָ קיין פּאַראַלעל דערצו, אין דער גאַנצער מענטשלעכער געשיכטע! . . .

איך וויל נישט נאָכאַמאָל אָנהויבן די דיסקוסיע אינם ענין פון רעפּעראַציע און „ווידערגוטמאַכונג". וואָס ס׳איז געזאָגט געוואָרן פון אונדז, די נייך־זאָגער און „סענטימענטאַליסטן", אין דער דאָזיקער פראַגע, איז געוואָרן איבערגעשריגן: פון דער כאַפּטע „רעאַל־פּאָליטיקער" און „גרויסע עקאָנאָמיסטן" „מדינת ישראל האָט אַריינגענומען הונדערטער טויזנטער עולים פון די צו־שטערטע יידישע ישובים אין אייראָפּע. די עטאַבלירונג פון אַן עולה און איינאָרדנונג אין עקאָנאָמישן און בירגערלעכן לעבן קאָסט אַזויפיל און אַזויפיל, מאַכט אויס פאַר הונדערט טויזנטער עולים סומאַ סומאַרום — 1,500 מיליאָנען



דאָלאַר אָדער אַרום 500 מיליאָנען פונט שטערלינג". איז מען געקומען צו אַ פשרה פון 250 מיליאָנען פונט שטערלינג.

עס דאַכט זיך זיי, די דרייצן פאַרטרעטער אויף דער האַאַגער קאָנפערענץ, אַז דאָס האָבן זיי אויפגעטון אַ וויכטיקע זאַך פאַרן יידישן פאָלק, און (אַ „מצווה אַ חזיר אַ האָר אויסגעריסן"!), פאַרוואָס זשע שענקן זיי, אונדזערע שונאים, אונדזער געראַבעוועט האָב און גוטס? בעסער 250 מיליאָנען פונט, ווי גאָרניט.

אָפּגעזען דערפון, וואָס דערווייל האָבן די דייטשן, 8 יאָר נאָכן סוף פון דער מלחמה, גאָרנישט באַצאָלט, וועלן מיר ערשט אינם יאָר 1964 וויסן, צי זיי, די דייטשן פון שפּעטער וועלן באַמתדיק און ערלעך האָנאָרירן אָדער האָבן האָנאָרירט דעם אָפּמאַך, וועלכן זיי האָבן אָפּגעשלאָסן מיט אַ יידישער פאַרטרעטונג אין האַאַג. ווער עס קען די דייטשן און זייער טרויעריקע פאַרגאַנגענהייט בנוגע אינטערנאַציאָנאַלע און רעפּעראַציע־אָפּמאַכונגען, וויס, אַז זיי געפינען אין זייער צייט מיטלען און וועגן אָפּצוגענאַרן אָדער זיך אַרויסדרייען פון פאַרפליכטונגען, וועלכע זייערע אייגענע פאַרטרעטער האָבן אונטערגעשריבן.

זיי מיינען, זיי, די דרייצן פאַרטרעטער אויף דער האאגער קאָנפערענץ, אַז זיי האָבן דערקעמפט אַ נצחון פאַרן יידישן פאָלק און מדינת ישראל, און אַזוי באַלד ווי דער אָפּמאַך איז אונטערגעשריבן און ראַטיפיצירט פון ביידע צדדים, און עס וועלן אַריינפליסן קיין מדינת ישראל די גרויסע שיפלאָדונגען מיט סחורות און רוי־פּראָדוקטן פון דייטשלאַנד, וועט דאָרט אויפהערן דחקות און נויט, און דאָס לאַנד וועט ווערן אַן ארץ זבת חלב ודבש.

מאַנכעסמאָל דאַכט זיך מיר (אין מיין באַשיידנהייט זאָג איך, אַז עס דאַכט זיך מיר, אין אמתן בין איך זיכער), אַז מיר יידן אַלס פאָלק זיינען זיך אָפּט נישט קלאָר אין אונדזער שטעלונג צו דער וועלט, צו אונדזערע שונאים און צו זיך אַליין, און אַז בנוגע אונדזער נאַציאָנאַלן אָדער פאָלקס־כבוד פאַרטוישן מיר די יוצרות פון סענטימענט און פּראַקטישקייט: דאָרט, ווו מיר דאַרפן האַנדלען פּראַקטיש, ווערן מיר סענטימענטאַל; דאָרט, ווו מען דאַרף האַנדלען און זיך רעכענען מיט דעם פאָלקס־סענטימענט און נאַציאָנאַלע געפילן, ווערן מיר פּראַקטישע מענטשן, האַנדלען מיר, שאַכערן מיר און פאַרוואַנדלען אַ טייל פון אונדזער גרויסן נאַציאָנאַלן בראָך אין אַ יודעאָ־גערמאַנישע סוחרישע טראַנסאַקציע. גייענדיק די גראַדע ליניע פון נאַציאָנאַלן סענטימענט אַפילו פון דער פּראַקטישער זייט, איז די עקזיסטענץ און ווייטער עקזיסטענץ פון מדינת ישראל די קרעדיט־ און דעביט־זייט פון אונדז אַלעמען, אונדזער „זאָל און האָבן", און עס איז אונדזער חוב דערפאַר צו זאָרגן, אַז דאָס יידישע לאַנד זאָל ווערן סטאַביליזירט עקאָנאָמיש, פינאַנציעל און מאָראַליש, ווען עס שטייט פאַרן באַנקראָט אָדער נאַציאָנאַלן צוזאַמענברוך, (ווי עס מעלדעט אַ טייל פון דער וועלט־פּרעסע), פון אונדז אַליין. דער גאַנצער אָנהויב פון דירעקט פאַרהאַנדלונגען (איך אונטערשטרייך: דירעקטע פאַרהאַנדלונגען) מיט די פאַרטרעטער פון אונדזערע נעכטיקע שונאים אין „ווידערגוטמאַכונג" און קאָמערציעלע ענינים איז געווען און בלייבט אַ פּאַטש אין פּנים פאַר אונדזער נאַציאָ־

נאלער מאראל, א טרעטן מיט די פיס אונדזערע הייליקע פאלקס סענטימענטן. ווי בארעכטיקט, סיי מאראליש, סיי מאטעריעל, אונדזערע פאדערונגען בנוגע די דייטשן זאלן נישט נישט זיין, דאס פארהאנדלען מיט זיי איז נישט אויסגעקליבן געווארן נישט אין דער ריכטיקער פארם און נישט אין דער ריכטיקער צייט. די דייטשן קעמפן אויף אלע פראנטן צו פארנעמען די פאזיציע פון א דאמינירנדיקער האכט אין האנדל און וואנדל פון דער וועלט, ווי אין אמאליקער צייט. מיט די דירעקטע פארהאנדלונגען און דעם צייטווייליקן אפמאך אין האאג האבן אונדזערע דרייצן שליחים (וועלכע נישט איך און נישט איר האבן געשיקט) מאראליש און מאטעריעל געהאלפן די דייטשן מער, ווי אונדז אליין אדער מדינת ישראל. פאר די דייטשן פון היינט, וואס זיינען די דייטשן פון ערשט אכט ביז צען יאר צוריק, וועט עס הייסן, אז מיט דעם אפמאך פון האאג איבער 250 מיליאנען פונט וכו׳ וכו׳ איז אפגעוואשן יעדע שולד פונם דייטשן פאלק. נאך מחילה וועט קומען סליחה, ווען מדינת ישראל אלס דער יורש פון די געמארדעטע, פארגאזטע, צעשטויבטע וועט אננעמען דאס געפאדערטע בלוט־געלט אין פאר פון סחורות און פראדוקטן.

און וואס איז שוין די פאנטאסטישע סומע פון אפילו 250 מיליאנען פונט שטערלינג פאר די אויסראטונג פון א פאלק און דעם רויב פון זיין האב און גוטס קעגנאיבער די 30 מיליאנען פונט, וואס וועלן איצטער אויסגעצאלט ווערן דעם יונגען הער אלפרעד קרופ אלס ענטשעדיקונג פאר דער עקספראפריאציע פון זיינע פאבריקן און קוילן־גרובן, וועלכע צוזאמען זיינען זיי געווען די וואפן־שמידע פון דייטשלאנד, די אינדוסטריעלע אימפעריע פון דער פאמיליע קרופ? אין דער ריכטיקער פראפארציע נעמען זיך די 250 מיליאנען נישט אזוי גרויס אויס. חוץ דעם קען מען זיין זיכער, אז קרופ וועט זיין אנטשעדיקונג באקומען אויסגעצאלט. דאס זעלבע קען מען נישט מיט באשטימטקייט זאגן וועגן מדינת ישראל.

און אפילו ווען די דייטשן וועלן יא באצאלן, וועלן זיי עס טון אין באוווסטזיין, אז זיי האבן דערביי גוט אפגעשניטן און אז דאס געשעפט פון דירעקטע פארהאנדלונגן האט זיך זיי געלוינט. אין לויף פון דער נאצישער הערשאפט האבן זיי אנגעראבעוועט אומגעהויערע יידישע פארמעגנס. די צוריקצאלונג פון אן ערך 20 מיליאן פונט שטערלינג א יאר וועט באלעסטיקן דעם דורכשניטלעכן דייטש מיט אן ערך 8 ביז 10 שילינג א יאר. נעמענדיק אין באטראכט די נידריקע דירעקטע באשטייערונג און ביליקע דירה־געלט אין דייטשלאנד, זעט די דאזיקע באלאסטונג גארנישט אויס צו זיין אומדערטרעגלעך.

אבער דאס איז נישט אלץ, וואס איז צו זאגן אין דער דאזיקער פראגע. די „ווידערגוטמאכונג" וועט מדינת ישראל נישט ברענגען די דערוווּנטשענע עקאנאמישע דערלייכטערונג, מחמת די שוועריקייטן און די לייזונג ליגן אויף אן אנדער געביט, וואס גייט נישט אריין אין דעם ראמען פון דעם היינטיקן ארטיקל. די גאנצע פראגע פון „ווידערגוטמאכונג" האט די ניין־זאגער און „סענטימענטאליסטן" אויפגערודערט צוליב טעמים, וואס שטייען מחוץ סוחר־



ישער קאלקולאציע, וויכטיק־טוערייַ, קאך־לעפעלישער קהלה־גראבלעריי און די אייזערנע געזעצן פון עקאנאמישע און פינאנציעלע נויטווענדיקייטן. די ניין־זאגערס זיינען נישט געווען אזוי ווייט קעגן ווידערגוטמאכונג, ווי קעגן דירעקטע פארהאנדלונגען. דאס דייטשע פאלק און זיינע געזעצלעכע פארטרעטער האבן געהאט גענוג צייט נאך דעם צוזאמענברוך פון היטלערס „טויזנט־יאריקן רייך" צו דערלעבן א מין נאציאנאלע מאראלישע דערוואכונג פון תשובה און חרטה. די „ווידערגוטמאכונג" האט געדארפט קומען פון זיי, פונם פאלק און פאלקס־מאסן. אפילו אין אזא פאל וואלטן מיר זיך פארהאלטן מיט א געוויסער רעזערוואציע, ווייל די קאלעקטיווע אויסראטונג פונם יידישן פאלק אין אייראפע האט נאטירלעך פאראורזאכט אין אונדז אלעמען א קאלעקטיוון האס צו דייטשלאנד און דעם דייטשן פאלק.

## נ. מ. סידא

## יוסף אפאטאשו

(רעפלעקסיעס ביים לייענען זיין לעצט בוך „יידן לעגענדע")

האט ליב בעיקר דעם מענטשן, און נישט „די מענטשהייט". האט ליב איבערהויפט דעם יידן, נישט „דאס יידנטום".

ליב האבן „דעם יידן" אין קעגנזאץ צום „יידנטום" מיינט אבער נישט ליב האבן איין באשטימטן יידן, אדער א פאר באשטימטע אויסנאמען, ווי דאס איז אפט דער פאל מיט א סך גוי׳אישע היפאקריטן אדער אויבערפלעכלעכע סענטימענטאליסטן, וואס האבן זיך זייער „ייד", זייערע „יידנפריינט", און, אין דער זעלבער צייט קאנען זיי האבן אן אנטי־יידישע אידעאלאגיע, אדער, אין בעסטן פאל, א גלייכגילטיקן צוגאנג צו די „יידישע צרות", צו דער גאנצער גרויזאמער טראגעדיע פון דער יידישער געשיכטע און צו דער גאנצער עוולה פון די אייביקע פארפאלגונגען אויף יידן. ניין, זיכער נישט דאס מיינען די ווערטער „האט ליב דעם יידן". זיי מיינען אז דער באגריף „דאס יידנטום" קלינגט ווי אן אלגעמיינע, קאלטע אבסטראקציע פונקט ווי דער באגריף „מענטשהייט" און ווי פרעטענציעז איינער זאל נישט וועלן זיין, און וויפיל קינסטלערישע חוצפה (און איך האלט דוקא אט די חוצפה פאר א פרעכטיקער שאפערישער קראפט) ס׳זאל נישט ליגן אין דעם „זייט אומשלונגען מיליאנען"* בלייבן זיי דאך נישט מער ווי קאלטע אבסטראקציעס פון דער אמתער ליבע צום מענטשן און פון דער אמתער ליבע צום יידן, ווי דער הימל איז פון דער ערד.

ווען אפאטאשו זאגט האט ליב „דעם יידן" איז „דער ייד", אין דעם פאל, אויך אן אבסטראקציע, נאר א ווארימע קינסטלערישע אבסטראקציע. „דער ייד" איז א סימבאל. נאר נישט קיין מאטעמאטישער סימבאל, ווי דאס איז א ציפער, נאר א לעבעדיקער קינסטלערישער סימבאל, ווי דאס זענען אלע עכטע קינסטלערישע געשטאלטן אין דער קונסט, די געשטאלטן וואס לעבן מיט אונז און אין אונז דורך דורות און וואס מיר געבן איבער בירושה.

די „דאָן קיכאָט׳ס״, די „טשילד האַראָלד׳ס״, די „יעווגעני האָנעגינ׳ס״, די „טביה דער מילכיקער״ און „מנחם מענדל״, די „פּערדס גנבים״ און די יידן פון די „פּוילישע וועלדער״.

אָט די סימבאָלן זענען אי אַבסטראַקט, ווי יעדער סימבאָל, אי קאָנקרעט ווי יעדע קינסטלערישע געשטאַלט.

אָט די סימבאָלן וואָס זענען אונז אייגן, ליב און טייער, זענען דאָס די סימבאָלן „ייד״ און „מענטש״, וועלכע אַפּאַטאַשו שטעלט אַקעגנאיבער די טויטע סימבאָלן „מענטשהייט״ און „יידנטום״ וואָס קלינגען זייער פּרעטענציעז, נאָר זענען אָפּט ליידיק און מיינען גאָרנישט פאַר די סנאָבן און פּראַזעאַלאָגן וואָס דרשנען און פילן נישט, רעדן און דענקען נישט, זאָגן און טוען נישט. טוען גאָרנישט פאַר דעם מענטשן אַלס יחיד און אַלס כלל, טוען גאָרנישט פאַר דעם יידן אַלס יחיד און אַלס כלל.

און יעדער ייד אין אַפּאַטאַשוס דערציילונגען איז אַ יחיד און אַ כלל און ער איז דער אויסדרוק פון אַ באַשטימטער צייט און באַשטימט פּלאַץ ווו יידן האָבן געלעבט, און ער שטעלט מיט זיך פאַר אַלע פּלעצער און אַ לאַנגע געשיכטע פון יידישן לעבן. און אָט די מענטשן, אָט די יידן האָט אַפּאַטאַשו ליב און ער קען זיי ווי אַ מאַמע קען איר קינד מיט אַלע שטריכן, מיט אַלע באַוועגונגען, מיט אַלע הוועיות, מיט אַלע קנייטשן און קנייטשעלעך.

די חסידים, די נגידים, די יידן וואָס שוואַרצן די גרעניץ, וואָס שמוגלען, וואָס גנבהנען, וואָס לערנען, די יידן וואָס האָבן זיך געשמדט און די יידן וואָס אַנטלויפן פון שמד. די יידישע יונגען וואָס האָבן חתונה מיט „שיקסעס״ און „די שיקסעס״ וואָס זענען זיך מגייר. די „שיקסעס״ פאַר וועלכע דאָס מגייר זיין זיך איז אַ ספּאָרט — אַלע זענען אַזוי מענטשלעך און אַזוי יידיש, געמאָלן מיט אַזויפיל ליבע און הומאָר, מיט אַזויפיל יידישער וואַרעמקייט און מיט אַזויפיל יידישן הומאָר. אַפּאַטאַשוס יידן זענען נישט קיין יידן וואָס מענטשלען זיך, נישט קיין „ייד אין שטוב און מענטש אין גאַס״, נאָר עכט יידיש מיט אַלע תרי״ג מצוות און תרי״ג מאָל תרי״ג עבירות און טאַקע דערפאַר אַזוי עכט מענטשלעך, אַזוי טיף אין געפילן און אַזוי גרויס אַלס אין זייער מענטשלעכקייט, אין זייער מענטשלעכן דענקען, פילן און האַנדלען, דענקען, פילן און שאַפן.

אַז מ׳רעדט וועגן אַפּאַטאַשו׳ן קען מען זיך נישט העלפן ווידער אַמאָל אומצוקערן און צו רעדן וועגן דער אויפגאַבע וואָס אַ קינסטלערישער סימבאָל האָט אויף זיך.

ווי שוין געזאָגט אָפּעווירט די גאַנצע מענטשלעכע קולטור מיט סימבאָלן און אַבסטראַקציעס אין געוויינלעכן טאָג טעגלעכן לעבן באַנוצן מיר זיך מיט סימבאָלן כאָטש מיר ווייסן דאָס איינגאַנצן נישט אויף יעדן שריט און טריט. אין אַן אמת איז יעדער וואָרט אַלס אַזעלכעס שוין אַ סימבאָל. אָבער די באַציאונג צווישן דעם קאָנקרעטן קעגנשטאַנד און צווישן דער אַבסטראַהירטער סימבאָליזירונג איז זייער אַ נאָענטע און אַ פּשוטע, און די געפילן וואָס דאָס



וואָרט און טאָג טעגלעכן לעבן וועקט אין אונז אַנטשפּרעכן מער וויניקער דעם קעגנשטאַנד וואָס דאָס וואָרט באַצייכנט. אין דער וויסנשאַפט איז די פאַרבינדונג אַ ווייטערע און מער קאָמפּליצירט, די געפילן דערפאַר רופן זיך דערפאַר אָפּ ווי אויף אַ ווייטן עכאָ, שוואַכער און מער אינדירעקט, מער סובלימירט. דער געדאַנק נעמט אַ גרעסערן אָנטייל, אָבער אויך לאַנגזאַמער און מער אומדירעקט ווי אין קאָנקרעטן לעבן.

די קונסט אָבער האָט די אויפגאַבע צו ברענגען די ברייטסטע און ווייטסטע אַבסטראַקציעס ווייל זי נעמט אַרום די ברייטסטע און ווייטסטע איבערלעבונגען אונזערע, און איינצייטיק האָט די קונסט די אויפגאַבע אָט די אַבסטראַקציעס און סימבאָלן אונז צו מאַכן נאָענט, זיי איינצופלאַנצן אין אונזער גייסט און דאָ קומט די איינינקייט פון די גרויסע ווידערשפּרוכן וואָס בלויז אמתע מענטשלעכע געניאַליטעט קען ברענגען צו פאַרווירקליכונג.

די קאָנקרעטיזירונג פון די סימבאָלן, דער ווידערגעבורט פון די העכסטע אַבסטראַקציעס אין בילד און געשטאַלט זען מיר אין דער מאַלעריי און סקולפּטור.

די וויניקער קאָנקרעטע אויסדרוקן פון אַבסטראַהירטע מענטשלעכע געפילן און עמאָציעס געפינען מיר אין דער גוטער מוזיק און די האַרמאָנישסטע בלענדונג פוןביידע עלעמענטן אין דער ליטעראַטור.

אַלע אַפּאַטאַשוס העלדן זענען אַזוי קאָנקרעט, אַזוי, דוכט זיך, ערדיש און לייבלעך און פּשוט, און איינצייטיק אַזוי טיפּיש, אַזוי קינסטלעריש אמת, דאָס הייסט אַזוי סימבאָליש.

אַפּאַטאַשו איז אַ מענטש מיט זייער אַ סך וויסן באַזונדערס אויף דעם געביט פון פילאָסאָפיע, אייראָפּעאישער, יידישער און אָריענטאַלער אָבער זיין וויסן איז נישט בלויז די געלערזאַמקייט פון ערודיט.

אַלע גרויסע וועלט שרייבער האָבן באַזעסן אַ גרויסע קולטור. ס׳איז זיך שווער פאָרצושטעלן ווי דער מענטשלעכער מח קען אַריינגעמען אַזויפיל וויסן ווי אַ שטייגער אַזאַ שרייבער ווי געהטע האָט באַזעסן, אָבער אַפּאַטאַשו האָט אַזויפיל וויסן הויפּטזעכלעך דערפאַר וואָס נישט נאָר וואָס ער רעספּעקטירט דעם מענטשלעכן געדאַנק, ער האָט אים ליב ווי מען האָט ליב אַ קינד, ער האָט ליב מיטן גאַנצן לייב און לעבן אַלעס וואָס דער מענטשלעכער גייסט שאַפט און האָט געשאַפן, אַלעס וואָס דער מענטשלעכער מוח טראָגט אין זיך און אַלעס מיט וואָס דאָס מענטשלעכע האַרץ ציטערט און קלאַפּט, דערפאַר זענען אונז אַזוי ליב זיינע משכילים, „עילוי״ס, „רבנים״ און גנבים. דערפאַר זענען אַזוי שיין די ייִנגען און מיידלעך, די ווייבלעך, די סעקרעטאַרשעס, די אַלע מענטשן און יידן וואָס זענען נישט קיין אין באַשטימטער ייד, אָדער מענטש, אָבער זיי קענען פאַר אונז נישט ווערן קיין כלל „יידנטום״ אָדער אַלגעמיינע „מענטשהייט״ ווייל מיר האָבן זיי צופיל ליב, ווייל זיי זענען צו עכט קינסטלעריש פאַר דעם.

## יוסף פערלשטיין (ישראל)

## צו . . .

(צו יוסף אַפּאַטאָשו׳ס גרויסן רעפעראַט „טויזנט יאָר יידיש“
געהאַלטן בעת זיין וויילן איצט אין ישראל)

איך רוף דיך, דו, ניט־פאַרלוירענער דורך מיין נשמה׳ס אַלע עקן:
קום צו מיר באַפליגלטער אין דיין שויבערדיק געמיט!
אפשר וועט אַ כוח זיין אַ־די פאַלשע גרענעצן פאַרמעקן
און אויסלעשן דאָס צאַרנדל וואָס האָט זיך אַנגעגליט . . .

קום, לאָמירביידינקע זיך אין אַ ווינקעלע פאַרקלייבן,
איך וועל אַרומנעמען דיין פיין און דו וועסט צודריקן מיין ווי,
און נאַכהער, יאַקאַש, ווי עס איז, זיך פונאַנדערקלייבן,
קיינער וועט ניט אַנען גאָר ווער זענען אָט די צוויי . . .

דוכט זיך „חשבון“ איז אַ וואָרט וואָס אייגן איז אונזביידן
און אייגענער נאָך איז אונז „טויזנט־יעריקער געוויין“;
אַ סיאַמער צווילינג זענען מיר, צוויי שוועסטער — לייד־און־פריידן
טאָ ווי קענען ניט אַזעלכע גאָר זיך אויפרעדן, פאַרשטייך?!

און צו וואָס דאָס קוקן בייז ביים „שלום“־באַגריסן
און „שלום“ ז׳דאַך שפּראַכיק־איינס,ביידן אונז ניט פרעמד . . .
מישטיינסגעזאָגט, פאַרוואָס מען דאַרף דאָ ביידע זיין צעריסן
און ניט וועלן זיך אין אוונטן דערלאַנגען מער די הענט . . .

אין צייט ווען וועלט פאַראבלט איז פאַרהייליקע געפילן
און ס׳האָט קיין יידיש טעם ניט מער וואָס היינט הייסט „גוט־און־שיין“, —
קום, ברודערל, אין חדר אַריין, גענוג שוין מיטן זיך־שפּילן,
צוריק צום אַלטן סידורל פאַרפריידיקטן אין געוויין!

צעעפענען די ספרימלעך פאַר׳קדושה׳טע אין שוויגעניש
דורותדיק פאַר׳תפילה׳טע אין אַלטן אויסגעווויי;
איך וועל זאָגן „ברוך אתה“ ווי אַמאָל אָן איבערצייגעניש
און דו וועסט ענטפערן ווי שטייגער איז: ברוך הוא וברוך שמיה!...

---

**געדענקט**, אַז אונזער גאַנצע קולטור־אַרבעט דאָ אין אונזער ישוב שטייט אויף משקולת. די רייכע „יהודים“, די אַסימילאַציע, זאָגט זיך גאַנץ אָפּ דערפון. די פּראָלעטאַרישע לינקע דרייען זיך אַוועק פון אונז — עס ליגט אויף אונז דער חוב צו באַשיצן אַליין אונזער אַרבעט. לייענט דעם זשורנאַל, קומט אויף אונזערע ליטעראַרישע אָוונטן. שטיצט דאָס יידישע וואָרט, לייענט יידישע ביכער, רעדט יידיש. יידיש טעאַטער, יידישע פּרעסע איז דער כבוד פון אַ קיבוץ.

---



## דר. יעקב י. מייטליס

## טשאַרלי טשאַפּלין

(צו זיין אָנקומען קיין ענגלאַנד)

אין וואָס באַשטייט די גרויסקייט פון אַ מענטש? אין זיינע גייסטיקע כחות, אין זיין שאַפערישער פּאָטענץ, אין דער התמדה פון זיין אַרבעט? צי גאָר אין דער פורעמונג פון זיין געדאַנק און וואָרט, אין זיין עמקות אָדער אין דער שאַרפקייט פון זיין גייסט? אויב יאָ, וואָלט איך נאָך מוסיף געווען, אַז עס איז נאָך פאַראַן אַ ווייטערדיקער, גאָר וויכטיקער קריטעריום פון מענטשלעכער גרויסקייט: זיין מאָראַלישע פּערזענלעכקייט. אויב אמתע גרויסקייט גייט האַנד אין האַנד מיט אַ טיפער הומאַניטעט פון אַן עטישער פּערזענלעכקייט, דעמאָלט איז דאָס אַ גליקלעכער זווג, אַ זווג ממש מן השמים, צו וואָס גאָר ווייניק מענטשן זענען זוכה.

טשאַרלי טשאַפּלין, דער געניאַלער קלאַון פון דער פילם־לייווענט, איז אויך באַגלייך אַ קינסטלער פון אַ טיפער, דערפרישנדיקער הומאַניטעט, וואָס ער האָט פאַרשטאַנען אויף אַ וואונדערלעכן אופן, מיט אַזויפיל שטילן, צניעות־דיקן חן און פּאַטאָס צו פאַרקערפּערן אין זיינע פילמען. בעצם איז טשאַפּלין גאָרנישט טראַגיש. ער איז גיכער פּאַטעטיש, פול מיט התלהבות און בטחון. זיינע פילמען, מיט זייער סאָציאַלן הינטערגרונט, זענען אין תוך מוסרהאַפט־מאָראַליזירנדיק. אפשר האָט אָט דער פאַקט אים געמאַכט אַזוי ליב און נאָענט דווקא צו אונדז יידן, וואָס זענען זיך נישט מודה אין דער אַבסאָלוטער טראַגיש־קייט פון דער וועלט, ווי למשל די גריכישע טראַגעדיע, נאָר גלויבן אין סוף־כל־סופדיקן מאָראַלישן אויסגלייך פון די כחות פון גוטס און שלעכטס אין דער וועלט. טשאַרלי טשאַפּלין, וואָלט איך געזאָגט, האָט אין זיך עפּעס אַפילו בלא יודעים פון דעם נביאישן פּאַטאָס צו פאַרבעסערן די וועלט (און עס איז מיר גאָר אַ קנאַפּע נפקה־מינה, צי ער שטאַמט אָפּ פון יידן צי נישט). אַזוי ווירקן אויף אונדז זיינע פילם־ווערק, אין וואָס עס איז געשיקט געמישט ערנסטקייט און פּאַטאָס מיט דעם חוזק עלעמענט. אָבער זיין חוזק איז נישט גראָב און צי־ניש. אדרבא, ער איז איידל, צאַרט און מענטשלעך־מיטפילענדיק. זיין סאַטירע דערגרייכט אָפּט ביז צו דער מדרגה פון סובטעלער איראָניע. עס איז יענע קרעאַטיווע איראָניע, וואָס דערוואַרעמט דאָס געמיט און באַפרייט דאָס האַרץ. באַגלייך דערפרייט אונדז טשאַפּלין מיט זיין אייגנאַרטיקער קונסט, ער מונ־טערט אויף און דערהייבט אונדז. אפשר ליגט אין דעם טאַקע דער סוד פון גרויסקייט פון אָט דעם געניאַלן לץ.

איז דען דאָס קענען דערפרייען מענטשן אַזאַ קלייניקייט? וויפיל נשמה־דיקער גראַנגל און שווערע איבערלעבענישן שטעקן אין אָט דער קונסט? דערמאָנט זיך מיר בשעת מעשה יענע וואונדערלעכע געשיכטע אין תלמוד (תענית כ״ב, ע״א) פון די צוויי לוסטיקמאַכערס, וואָס אַדאַנק זייער פריילעך־מאַכן די מענטשן האָבן זוכה געווען צו עולם הבא. אָט צו אַזאַ מדרגה האָבן,

לויט דער תלמודישער קאָנצעפּציע, דערפירט אַמאַליקע לצים און פריילעדמאַכערס.

און ווען האָט אונדז טשאַפּלין דאָס נישט דערפרייט? מיט וועלכע פיינע, סובטעלע ניואַנסן פון אַ טיף־דערלעבטער קונסט האָט ער דאָס אונדז נישט געמאַכט לאַכן, פאַרטריבן די מרה־שחורה און אונדז געמאַכט פאַרגעסן די צרות. קען דאָך נאָר אמתע קונסט באַפרייען! דערמאָן איך זיך יענע פינצטערע טעג אַנהויב מלחמה, בשעת די וועלט איז געווען טיף פאַרזונקן אין אימה און אין בלוט, ווען היטלער האָט זיך אויסגעוויזן צו זיין דער זיגער און דיקטאַטאָר פון דער וועלט, דעמאָלט האָט טשאַפּלין אַדורכגעבראָכן די חשכת פון אומעט און טרויער מיט זיין אומפאַרגעסלעכער קרעאַציע „דער גרויסער דיקטאַטאָר". מיט דעם קונסט־ווערק האָט ער אַריינגעטראָגן אין אונדזערע פאַרחלשטע הערצער אַ קוואַל פון פרייד און טרייסט. זיין „גרויסער דיקטאַטאָר" איז געווען נישט סתם ביליקער חוזק און שפּאָט, נאָר אַ הערלעכע פּאַראָדיע, סובטעל און אויסגעהאַלטן ביז אין די קלענסטע פּרטים אויף יענעם פּאַפּאַנץ־פירער, היטלער, מיט זיינע ווילדע זשעסטן, משונהדיקע דבורים און די וועלט, וואָס האָט אים גענומען דינען. עס איז געווען באַגלייך אַ בלוטיק, פּאַטעטיש געלעכטער פון דעם גרויסן קינסטלער־לץ אויפן פּאָן פון אַ משוגענער, דעמאָראַליזירטער וועלט, וואָס האָט גענומען אַ וויסטן דעגענעראַט און אים דערהויבן צו זיין איר מושל. האָט דאָס אונדז נישט דערמאָנט אין דעם נביא ישעיה, בעת ער האָט אין קאַפּ. 14 גענומען אַזוי הילכיק־סאַרקאַסטיש אָפּשפּעטן פון דעם מעכטיקן קיניג פון בבל, דעם צווינגער פון דער ערד, וואָס האָט געהאַט אַזאַ מאוסן סוף? ווער איז ער דאָס אָט דער נייער באַצווינגער, וואָס רעדט מיט אַזאַ חוצפּה און גאווה וועגן אַ טויזנט־יאָריקן רייך, וואָס ער איז געקומען שאַפן? און טשאַפּלין האָט אָט דעם מכלומרשטן הערשער אויסגעטאָן זיינע שטאָלצע מאַכט־בגדים און אים אַוועקגעשטעלט אַ נאַקעטן פאַר אונדזערע אויגן: אַ נישטיקער בעל־גאווה, אַ הוילער פלאַפּלער, אַ פּלוט, אַ מטורף און אַ וועלט־פאַרבלענדער! האָבן מיר דערזען דעם אמתן „גרויסן" דיקטאַטאָר אין זיין גאַנצער צעבאַלעוועטער פּוסטקייט, אין זיין קליינלעכער און נאַרישער פּאָזע, אַ קאַרליק און נישט קיין ריז, אָן אַ שפּור פון הומאַניטעט, גראָב און ציניש. איז דאָס דער איר געבן אַ נייע אָרדנונג?

נאָר אַ מענטש מיט אַזאַ טיף־פאַרטראַכטער הומאַניטעט ווי טשאַרלי נייער „באַפרייער", צו וועמען אַ וועלט איז געוואָרן משועבד, וואָס איז [illegible] טשאַפּלין האָט געקענט דערפילן דעם מאָראַלישן באַנקראָט פון נאַציזם און זיין טרעגער היטלער, וואָס איז געווען די פאַרקערפּערונג פון אַלדאָס בייז, פון אַ צעווילדעוועטער און דעסינטעגרירטער וועלט. אין יענע פינצטערע טעג איז טשאַפּלינס קונסט־ווערק געווען אונדזער טרייסט, וואָס האָט געשטאַרקט דעם גלויבן אין דעם מאָרגן, אין דעם נצחון פון גוטן, וואָס וועט סוף־כל־סוף קומען.

טשאַפּלין איז יעצט געקומען קיין ענגלאַנד אַלס דער גרויסער זון פון ענגלישן פאָלק. זיין פּלאַץ אין דער וועלט־קולטור איז אים געזיכערט. אָבער ווי



מאָדנע קלינגט דאָס, אַז דוקא דאָס פרייע, גרויסע אַמעריקע באַציט זיך צו אים מיט חשד, אַז מען נעמט זיך יעצט בודק זיין פּאָליטישע כשרות. איז גאָר אַ סברא, אַז מען וועט אים נישט אַזוי גיך און אַזוי לייכט צוריק אַריינלאָזן קיין אַמעריקע. איז דאָס בפירוש נישט קיין קאָמפּלימענט פאַרן גרויסן און פרייען אַמעריקע! די היסטאָריע פון דער היינטיקער צייט, די מורא פאַרן מאָרגן, דאָס אויפּציטערן ממש לקול עלה נדף (פאַר יעטוועדן פאַרטרוקנטן בלעטל), שאַפט ממילא אַזאַ גייסטיקן קלימאַט, וואָס איז בפירוש שעדלעך פאַר דער אַנטוויקלונג פון גייסטיקער אומאָפּהענגיקייט, פון ערנצטער קונסט און עכטער הומאַניטעט. עס וואָלט געווען אַ חרפּה און אַ בושה פאַר דער וועלט, אויב די פרייהייט פון אַ קינסטלער פון דעם פאָרמאַט פון אַ טשאַפּלין וואָלט געשטאַנען אין סכנה. לאָזן מיר זיך אַוועק אויף דעם זעלביקן וועג פון סאָוויעט־רוסלאַנד, נעמען מיר זיך איבערחזרן דעמזעלביקן פאַטאַלן טעות פון מאַכן דעם קינסטלער און גייסטיקן מענטש אַ משועבד צו אַ פּאָליטישער דאָקטרין? אַזאַ גייסטיקע אוניפאָרמיטעט וואָלט באַטייט אַ סוף צו יעטוועדער פרייער שאַפערישקייט. קינסטלער ווי טשאַפּלין שטיין ווייט איבער אַ פּאָליטישער ליניע. זייער אַני־מאמין איז מענטשהייט. „געבן זי געדאַנקן פרייהייט, סער", רופט אויס דער גרויסער דיכטער פרידריך שיללער אין זיין „דאָן קאַרלאָס". אויף אָט די געדאַנקן־פרייהייט טאָר די היינטיקע וועלט, וואָס האָט נאָך אַזאַ שווערן און ביטערן קאַמף בייגעקומען די פינצטערסטע כחות פון פאַשיזם, נישט מותר זיין.

לאָנדאָן, ממחרת יום־הכפורים, תשי״ג.

## ש. טענענבוים (ניו יאָרק)

# אַן אַלט בוך פון פּאָעמען

איך האָב געפונען אַן אַלט בוך פון פּאָעמען; ווען איך האָב אָנגעהויבן צו שרייבן די ערשטע לידער, האָב איך דאָס בוך געבאָרגט אין דער קליינשטעטלדיקער, פּולאַווער ביבליאָטעק. עס איז געווען לייב ניידוס'ס „דאָס בוך פון פּאָעמען". איך האָב יעדע פּאָעמע געלייענט אַ סך מאָל. איך האָב ליב געהאַט דעם פּאָעט. די פרויען האָבן אין די פּאָעמען געלויכטן ווי גרויסע זונען. פלאָרינע און זשאָזעפינע און הערא זיינען צו מיר געווען אינטימע און טייערע פרויען. אַ פערטל יאָרהונדערט שפּעטער געפין איך דאָס בוך אין אַ בראָנקסער הויז. איך זיץ אויף דער אַלטער וועראַנדע צווישן בוימער, ווי ריזיקע וואַזאַנען. גרויסע בוימער שטייען אויפן גאַס, גרויסע בוימער, אַזוי ווי די הייליקע צדיקים. עס איז פאַרנאַכט. די גאָלדענע זון גייט אונטער אין פלאַמען. מיינע הענט ציטערן. אַ פערטל יאָרהונדערט שפּעטער מיש איך די צאַרטע בלעטער. ניין, די שיינקייט איז נישט פאַרוויאַנעט געוואָרן. די פּאָעזיע איז ריין און דורכזיכטיק ווי קרישטאָל. די לידער זיינען געבליבן פריש ווי ווייַן. פריש ווי טייערע פנימער פון מאַרמאָרנע סטאַטועס — אין דער טיפער ערד קיל פּרעזערווירט. אַנטיקע געטער לויכטן דאָ אַרויס ווי פון דער לבנה העל באַלויכטן. לאַנדשאַפטן זיינען דאָ שטיין געבליבן אַזוי ווי אין די טעג פון יוגנט. ניין, איך האָב זיך נישט גענאַרט. איך

באַדאַרף זיך נישט שעמען מיט מיין דעמאָלטדיקן געשמאַק. איך בין נאָך איצט שטאָלץ אויף מיין פּאָעט לייב ניידוס. ס'האָט דאָ קיין איינציקע בלום נישט אָפּגעבלאַקירט. ווי איידלשטיינער לויכטן אַרויס די בלומען. און ווי בלומען לויכטן אַרויס די איידלשטיינער. דאָס בוך איז פאַרוויאַנעט. די בלעטער — געלע ווי דער האַרבסט. נאָר די טענץ, די געזאַנגען, די פּיעסטאָס און די פייערלעכקייטן ברעכן זיך הערלעך אַרויס פון די געלבע בלעטער. אַ מעכטיקער דיכטערישער כוח שטראָמט פון די פּערזן פון זיין „די ערד דערוואַכט"; עלעמענטאַר שטראַלט די שיינקייט פון דער טראַגישער פּאָעמע „הערא און לעאַנדער"; ווי אַמאָל, קום איך אויך איצט אַרונטער מיט שרעק אינם מיסטעריעזן אָפּגרונט פון אַטלאַנטידע; נאָר איצט גיי איך איינזאַמער און פאַרקלערטער אַרום צווישן די פּראַכטפולע וואָגעזן; מיט שטוינונג באַוואונדער איך די מאַרמאָרנע פּאַלאַדן, די בריליאַנטענע געמאַכן וואָס שטייגן אַרויס גאָלדנגעפּאָסטע פון אונטער די פּערזן פון דעם דיכטער'ס שטערבענדע הענט; נאָך אַ פערטל יאָרהונדערט זיץ איך פּונקט ווי דעמאָלט ביים געלבן בוך און טרינק דאָס געהיימניספולע ליכט פון זיין שיינקייט וואָס האָט אין דאָזיקן קליינעם בוך אַזוי פיל אַריינגעטאָן פון זיין האַרצנס-גאָלד...

## -יידישע קולטור ידיעות

(צוגעשיקט פון „איוונא)

פּאַריז: דער באַקאַנטער יידישער דיכטער און פּראָזאַיקער אברהם זאַק, וועלכער האָט די לעצטע 5 יאָר געפּראַוועט „גלות" אין פּאַריז, איז געפאָרן קיין בוענאָס-איירעס ווו ער האָט בדעה צו באַזעצן זיך אויף שטענדיק. די יידישע שרייבער-משפחה האָט לכבוד דעם חשובן שריפטשטעלער איינגעאָרדנט אַן אָפּשיד-אָוונט.

פּאַריז: יוסף אפּאטאשו, דער באַרימטער יידישער שריפטשטעלער, מחבר פון „אין די פּוילישע וועלדער" און פון אַ ריי אַנדערע וואָגיקע ווערק, קומט אין די קומענדיקע טעג קיין פּאַריז. די פּאַריזער אָפּטייל פונם „יידישן קולטור קאָנגרעס" וועט דעם 15-טן אָקטאָבער איינאָרדענען לכבוד דעם חשובן גאַסט אַ קבלת פּנים אין דעם טעאַטער זאַל „מיטיאַליטע".

יוסף אפּאטאשו קומט קיין פּאַריז פון אַ לענגערן באַזוך אין מדינת ישראל, ווו מען האָט אים אויפגענומען מיט אַ סך כבוד.

יאָהאַנעסבורג: דער היגער יידישער חודש-זשורנאַל „דרום-אַפריקע", וואָס ווערט אַרויסגעגעבן פון דער דרום אַפריקאַנער יידישער קולטור-פעדעראַציע", האָט געפייערט דעם 5-טן יאָרגאַנג פון זיין עקזיסטענץ.

יאָהאַנעסבורג: זינט דעם חודש יולי, דערשיינט דאָ אַ יידישער חודש-זשורנאַל מיטן נאָמען „אויף אַפריקעס ערד", וואָס ווערט אַרויסגעגעבן און רעדאַגירט פון דעם שרייבער שלמה קאַרטון.

תל-אביב: דער גרעסטער ישראל-דיקער פאַרלאַג „דביר" האָט מודיע געווען, אַז ער וועט נישט אַרויסגעבן



אין אַ העברעאישער איבערזעצונג „די קריסטלעכע ווערק" פון שלום אַש.

פּאַריז: דאָ איז דערשינען דער 10-טער נומער פונם זשורנאַל „טעאַטער שפּיגל", וואָס ווערט אַרויסגעגעבן פון דעם יידישן אַקטיאָר אהרן פּאָליאַקאָף.

פּאַריז: נאָך אַ לענגערער הפסקה איז ווידער דערשינען דער זשורנאַל „קיום", (אַלס אַ דרייפאַכיקער נומער) אין וועלכן עס באַטייליקן זיך לערך 20 מחברים.

יאָהאַנעסבורג: אַ דאַנק די ענערגישע אינטערווענציע פון דעם היגן יידישן וואָכנבלאַט „אַפריקאַנער יידישע ציישונג", האָט דער ישראל ראַדיאָ „קול ציון לגולה" באַשלאָסן אַריינצונעמען אין זיינע וועכנטלעכע טראַנסמיסיעס, אויך דאָס יידישע לשון, אַלס אַ צוגאָב צו ענגליש און העברעאיש.

עס איז כדאי צו באַמערקן, אַז אויך די ציוניסטישע פעדעראַציע אין דרום-אַפריקע, האָט אונטערגעשטיצט די גערעכטע פאָדערונג פון דער „אַפריקאַנער יידישע ציישונג", וועמענס אַקציע איז געקרוינט געוואָרן מיט דערפאָלג.

בוענאָס איירעס: דער פּובליציסט י. האָרן האָט אין דער היגער „יידישער ציישונג" פאַרעפנטלעכט אַ ביז גאָר אינטערעסאַנטע סטאַטיסטיק וועגן די צאָל יידישע טאָגציישונגען, וואָכנבלעטער און זשורנאַלן, וואָס דערשיינען אין בוענאָס איירעס.

פון דער סטאַטיסטיק דערוויסן מיר זיך, אַז אין אַרגענטינע דערשיינען אַ גרעסערע צאָל אויסגאַבעס, נישט בלויז אין דעם יידישן לשון, נייערט אויך אין שפּאַניש, דייטש און אַפילו אין אונגאַריש.

## לאָנדאָנער ידיעות

דער טשיף רבי פון דער בריטישער אימפּעריע, דר. ישראל בראָדי, אויף זיין טור איבער די דאָמיניאָנס, האָט אין פילע שטעט אין אויסטראַליע און ניו-זילאַנד געהאַלטן אַ סך פון זיינע רעדעס אין יידיש. ער האַלט אויך אין לאָנדאָן איצט רעדעס אין יידיש.

דער סאַטמאַרער רבי, וואָס האָט מיט זיין באַזוך אין לאָנדאָן אַרויסגערופן גרויס התלהבות צווישן חסידישן און פרומען עולם, באַטאָנט אין זיינע דרשות און תורות די וויכטיקייט פון יידיש, פון מאַמע-לשון, און אַז יידן מוזן רעדן אין דער שפּראַך און לערנען זייערע קינדער.

רבי יהושע שפּעטמאַן האָט לכבוד ימים נוראים אַרויסגעלאָזן אַ קונטרס אין יידיש, מיט דברי מוסר, יהדות און חסידות.

משה עובד, וועלכער איז געוועזן געפערלעך קראַנק איניקע חדשים, דערהאָלט זיך שוין און גייט שוין צו ביסלעך אָן מיט זיין אַרבעט.

„פריינט פון יידיש לשון" האָט באַאויפטראַגט דעם יידישן שרייבער און זשורנאַליסטן פאַראיין אַרויסצושיקן אַן אָפיציעלע איינלאַדונג צו יוסף אָפּאַטאַשו, אַז אויף זיין צוריקרייזע פון ישראל זאָל ער באַזוכן לאָנדאָן.

פאַרגאַנגענעם חודש איז דערשינען אין פאַרלאַג „לשון און לעבן“ אַ בוך לידער „ווידערוווקס“ פון א. נ. שטענצל.

קומענדיקן חודש דערשיינט אַ בוך לידער פון רקודה פּאָטאַש, אַרויסגעגעבן פון משה עובד.

די פּאָעטין האַנאַ קאַווא פון פּאַריז, וויילענדיק אייניקע חדשים אין לאָנדאָן, איז אויפגעטראָטן מיט אַ פּאָרטראַג ביי די שבת נאָכמיטאָגס.

דער אַמעריקאַנער פּאָעט ש. בורשטין, אויף זיין צוריקרייזע פון ישראל, האָט געלייענט זיינע לידער ביי פריינט פון יידיש לשון.

יעקב האָדעס, וועלכער איז געקומען אַלס גאַסט קיין לאָנדאָן פון ירושלים, איז אויפגענומען געוואָרן אַלס חשובער גאַסט ביים י.ל.ש.נ.

דר. פינקלשטיין, וועלכער האָט געוויילט אין לאָנדאָן אייניקע חדשים, איז אויפגעטרעטן מיט אַ רעפעראַט ביים י.ל.ש.נ. און ביי אַ גלעזל טיי אינם הויז פון שרייבער האַרענדאָרף.

דער ישראל אַרטיסט אליהו גאָלדענבערג איז אויפגעטרעטן ביי אַ קאָנצערט פון „פריינט פון יידיש לשון“ מיט גרויס דערפאָלג.

אין די נאָענטסטע טעג וועט די ענגלישע טעלעוויזיע דעמאָנסטרירן (אין דער ענגלישער שפראַך) דעם „דיבוק“ פון ש. אַנ־סקי. די ראָלע פון „לאה“ וועט געשפּילט ווערן פון דער באַקאַנטער יידיש ענגלישער אַקטריסע איוואַנע מיטשעל.

דעם היי־יאָריקן ווינטער־סעזאָן, ווען מיר אין לאָנדאָן האָבן צוויי יידישע טעאַטערס וואָס וועלן, האָפנטלעך, אַביסל אויפהייטערן אונזער שווערן געמיט און גלייכצייטיק באַלעבן דאָס יידישע לשון.

דאָס „גרענד פּאַלעי“ טעאַטער וועט זיין די „שטענדיקע היים“ פאַר דער דאָרטיקער חברים־טרופּע, וואָס איז פאַרשטאַרקט געוואָרן מיט דעם אַקטיאָרן פּאָרל, גינא גליקמאַן און זלמן קאָלעשניקאָוו.

דאָס צווייטע טעאַטער, אויך אַ חברים־טרופּע, וועט אָנגעפירט ווערן פון דעם אַקטיאָר יצחק קרעלמאַן און וועט „עולה־רגל“ זיין איבער די פאַרשיידנסטע באַצירקן פון לאָנדאָן.

מיר ווינטשן אונזערע ליבע „בלאָנדזשענדיקע שטערן“ אַ סך דערפאָלג און דער עיקר: זיי זאָלן צווישן זיך לעבן בשלום!

די באַקאַנטע אַקטריסע מייזעלס טרעט אויף אין דער נייער טרופּע וואָס שפּילט אין לאָנדאָן.

מיר ווילן באַמערקן, אַז עס איז אַ סקאַנדאַל וואָס דער באַרימטער אַקטיאָר מאָריס אַקסעלראָד איז „אַרויסגעפאַלן“ פוןביידע טעאַטער־גרופּעס.

## מיטטיילונגען איבער די קומענדיקע שבת־נאָכמיטאָגס

(אין בערנאַרד־באַראָן סעטלמענט, 33 בערנער סטריט, א.1 — 3 אַזייגער)

שבת, דעם 6־טן אָקטאָבער — אונזערע קלאַסיקער — ימים נוראים׳דיקס.
שבת, דעם 11־טן, שמחת־תורה אינם פאָלקס ליד און אין דער דיכטונג.
שבת, דעם 18־טן, דער 60־טער יאָרצייט פון דוד עדעלשטאַט.
שבת, דעם 25־טן, געווידמעט די ווערק און פערזענלעכקייט פון יוסף אָפּאַטאָשו.



„פריינט פון יידיש לשון“ — וועסט ענד בראַנטש
א געזעלשאַפטלעכע אונטערהאַלטונג
טיי און פאַרבייסן
**זונטאג, דעם 19־טן אקטאבער, 4 אזייגער**
אין 12 דיען סטריט, אין האָל פון דער דיען סטריט שול
מיט רעציטאַציעס און זינגען וועלן זיך באַטייליקן דער באַקאַנטער אַקטיאָר
**הערמאַן טוניס, נעט רובין מארקוע קאהען, א. בלום** א.א
בילעטן 3/6

„פריינט פון יידיש לשון“
דינסטאג, דעם 21־טן אקטאבער, 7.30
אין אדלער האל, אדלער סטריט, א.1.
אַ באַנקעט לכבוד דעם דערשינענעם בוך
**„ווידערוווקס“ פון א. נ. שטענצל**
בילעטן 3/6

סוף חודש זונטאגס
**בן אורי**, 14 פאַרטמען סטריט, וו.1.
**זונטאג, דעם 26־טן אקטאבער**, 8 אַזייגער
**יוסף אפאטאשו, זיין ווערק און זיין פערזענלעכקייט**
י. ל. פיין, י.א. ליסקי, י. ביעטש, נעט רובין, רחל מירסקי, א.א.
פאָרזיץ: א. נ. שטענצל.

**משה בעקערמאַן** און פרוי ווינטשן אַלע זייערע פריינד און משפחה אין ענגלאַנד, פאַריז און אַמעריקע און כל ישראל אַ גוט און פרידליך יאָר.

פערלאַג „לשון און לעבן“
**ווידערוווקס** אַ בוך לידער
פון **א. נ. שטענצל**
שוין דערשינען. 168 זייטן — 12/6

גערענקט דעם דאַטום:

דעם 16־טן נאָוועמבער—אַ וואָרט קאָנצערט מיטן באַרימטן אַקטיאָר יודל גאָלדבערג.

דעם 30־טן נאָוועמבער — אַ ליטעראַרישע אָוונט איינגעאָרדנט פון דער הייגייט בראַנטש.

# לשון און לעבן

חידש-זשורנאַל פאַר ליטעראַטור, טעאַטער, קונסט און קולטור

נומער 11 (העפט 154) דרייצנטער יאָרגאַנג נאָוועמבער 1952 לאָנדאָן

רעדאַקטירט פון א. נ. שטענצל


אינהאַלט:


מכוח אונזערע בײדע קהילות קדושות בק״ק לאָנדאָן.......... 1

ווען איך נעם דאָס לעבן ערנסט, מיין חשובן חבר (לידער)...שמואל וווהייט 4

לאָנדאָן פערציק יאָר צוריק..........דר. ז. פּ. פינקלשטיין 5

דער רבי דער רבי איז טויט (פּאָעמע)..........יוסף הלל לעווי 7

דער פּאָרטרעט (דערציילונג)..........עדגאַר אַלאַן פּאָו 11

אָסיען, שוואַלבן, הערשן (לידער און פּאָעמעס)..........א. נ. שטענצל 14

פאַרקויפט זיין איינציקן זון פאַר פופצן שילינג (אַנעקדאָט)..מאַרקס קאָהען 21

פליגל (פּאָעמע)..........דר. א. ר. סען 25

דאָס בלוט איבער זייער קעפּ..........אליהו פּאָלושאַק 27

פאָרם און סטיל (פון יידישן טעאַטער קונסט)..........י. א. ליסקי 29

מאַמע מיינע (ליד)..........י. ה. בינענפעלד 31

ליטעראַרישער אָוונט פאַר מלכה לאָקער..........מ. ז. 32

יידיש ליטעראַרישע שבת נאָכמיטאָגס.......... 32


## פּרייז 1 שילינג און 6 פּענס

אַבאָנענט-פּרייז:—19/6 פאַר אַ יאָר

אין אויסלאַנד:—5 דאָלאַר אַ יאָר


## ביכער פון פערלאַג „לשון און לעבן“

„ווייטשעפּל לעבט“ (אַנטאָלאָגיע פון עטלעכע 20 יידישע שרייבער) 10/-

„שיידעוועגן“, אַ בוך דערציילונגען פון י. ביעטש 10/-

„ווידערזווקס“, אַ בוך לידער פון א. נ. שטענצל 12/6

מיט באַשטעלונגען זיך צו ווענדן אויפן אַדרעס פון:
LOSHN UN LEBN, 17, Delamare Bldgs., E.1.


## א ליטעראַרישער נאָכמיטאָג
## אין אָנדענק פון
## ◆ דוד עדעלשטאַט ◆

**זונטאָג, דעם 19־טן אָקטאָבער, 1952, אום 3 אַזייגער**

אין „רידינג רום אינסטיטוט“, אַדלער הויז, אַדלער סטריט, איסט.

„אַבשאַצונג איבער עדעלשטאַט“, **א. ראַלין**, און אַנדערע

אין רעציטאַציעס און געזאַנג וועלן זיך באַטייליקן די פאָלגענדע:

י. גאָלדבערג, א. בלעקער, א. בלום, א. שטיינער און ע. מאַרקס.

**ס. דרין**, פאָרזיצער.

אָרגאַניזירט פון „אַרבעטער קאָמיטעט“, „פרייע אַרבעטער שטימע“, און רידינג רום אינסטיטוט.


*By Appointment, Dealer in Antiques to H.M. Queen Mary*

# CAMEO CORNER

has a great demand for old jewels (for Home and Export Trade) and is in a position to give good prices for valuable Gems and jewels of every kind.

**26 MUSEUM STREET, LONDON, W.C.1**

*Museum* 0401

CLOSED ALL DAY SATURDAYS

# LEYTON KNITWEAR CO. LTD.

*MANUFACTURERS OF KNITTED GOODS & SPORTSWEAR*

**IMPORT - - EXPORT**

**518 Lea Bridge Road - Leyton, London, E.10**



*Published and Edited by* A. N. STENCL, 17 *Delamare Bldgs., Collingwood Street, London, E.1, and printed in England by The Narod Press,* 129-131 *Cavell Street, London, E.1*